פנימי תשפ"ג בלתי מוגה

# משולחן מלכים

## שיחות קודש שנשמעו מפי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## מתוך שיחה בביקור הגאון רבי משה בראנדסדארפער שליט"א

רב ור"מ היכל הוראה ומו"צ העדה החרדית בעיה"ק ירושלים ת"ו

## בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א – בקרית יואל יע"א

יום ה' פרשת תזריע, אול"י ערב ר"ח ניסן, תשפ"ב לפ"ק

**א' הנוכחים:** אין ארץ ישראל איז דא א מצה פאבריק וואו מ'האט געוועלגערט די מצות מיט אזא דרייער רעדל...

**הגר"מ:** כ'האב לעצטנס געטראפן אין תשובות תירוש ויצהר (מהגאון רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן זצ"ל אב"ד פלונסק ומגדולי רבני ווארשא), ער ברענגט אן אינטערסאנטע זאך אז צאנזער איניקלעך, בעלזא, ראפשיץ, ער רעכנט אויס דארט אין די תשובה (סי' קפ"ח) זיי האבן אזוי געדרייט די מצות, די וועלגערער'ס אמאליגע יארן האבן אזוי געדרייט די מצות.

עס גייט אזוי, ס'איז צוויי וועלגער רעדלעך וואס ליגן אזוי אויף א סטענד, צוויי אזעלכע העלצלעך, און יעדער וועלגערער נעמט זיין טייגל און ער לייגט דאס אדורך און געט א דריי, און ער געט עס איבער פאר'ן צווייטן, יעדער איינער מאכט איין דריי. און ס'איז אינטערסאנט ער שרייבט דארט אז צאנזער איניקלעך האבן אזוי געמאכט.[1]

ס'איז מיר פארענטפערט געווארן מיט דעם א חתם סופר, ס'איז דא א חתם סופר אין די תשובות, חושן

---

1 וזה לשונו: ...מה ששאל כ"ת לענין הוואלצען במקום וואלגרהעלצר, בזאת נוהגים היתר בעירנו אף מהדרין, ובשנת תרע"ה מפני סיבת המלחמה הגדולה ר"ל, נשארתי אז שנה שלימה בקארלסבאד, והיו שם פלטים ממדינת גאליציא ערך חמשים אלפים מאחב"י, וביניהם ערך ששים רבנים ורביים, נכדי צאנז, בעלז, וראפשיץ ועוד.

וביום ו' שבט הייתי באסיפה עם הרבנים ורביים אודות להכין קמחא דפסחא, ושלחנו צירים מיוחדים לעיר בודאפעסט, וכתבנו להגאון ר' קאפיל רייך זצ"ל הרב דפעסט בקשה שישתדל עבורינו, ויעזור להצירים לקנות שמה כמה וואגאנין קמד"פ עבור אחב"י שברחו ממקומותיהם, וגרים בקרלסבאד וכן נעשה.

ושוב שכרנו בקרלסבאד דירות מיוחדות, והקמנו שלשה בתי אופים גדולים לאפיית מצות, והיה ג"כ באופן הוואלצין, שאחר שנעשה הטייגיל, לא הי' וואלגרהעלצר, רק ניתן בין הוואלצעס ויצאה המצה בצד השני בין הוואלקעס, והמצות נאכלו בבית הרבנים ורביים בלי שום ערעור וחשש ח"ו...

להלן העתק מהתשו' הנ"ל:


858 תירוש שו"ת סימן קפו קפה קפח ויצהר

סימן קפח.

בעה"י ב' צו ר' ניסן תרע"ד ווארשא.

חג כשר ושמח לכ' ידי"נ הרה"ג וכו' מ' אבי עזרי ועליו שפירא בק' קאוניץ:

אבן מה ששאל כ"ת לענין הוואלצען. במקום וואלגרהעלצר. בזאת נוהגים היתר בעירנו. אף מהדרין. ובשנת תרע"ה מפני סיבת המלחמה הגדולה ר"ל. נשארתי אז שנה שלימה בקרלסבאד והיו שם פלטים ממדינת גאליציא ערך חמשים אלפים מאחב"י. וביניהם ערך ששים רבנים ורביים. נכדי צאנז. בעלז. וראפשיץ ועוד. וביום ו' שבט הייתי באסיפה עם הרבנים ורביים. אודות להכין קמחא דפסחא. ושלחנו צירים מיוחדים לעיר בודאפעסט וכתבנו פ"י להגאון ר' קאפיל רייך ז"ל הרב דפעסט בקשה שישתדל עבורינו ויעזור להצירים לקנות שמה כמה וואגאנין קמד"פ עבור אחב"י שברחו ממקומותיהם. וגרים בקרלסבאד. וכן נעשה. ושוב שכרנו בקרלסבאד דירות מיוחדות. והקמנו שלשה בתי אופים גדולים לאפיית מצות. והיה ג"כ באופן הוואלצין. שאחר שנעשה הטייגיל. לא הי' וואלגרהעלצר רק ניתן בין הוואלצעס ויצאה המצה בצד השני בין הוואלקעס. והמצות נאכלו בבית הרבנים ורביים בלי שום ערעור וחשש ח"ו:

משפט (סי' קצ"ו ד"ה והנה), ער ברענגט דארט כ'האב שטארק אכטונג געגעבן אז ביי מיר אין שטאט – אזוי שרייבט ער – ער זאל געדויערן פון אריין לייגן די מצה צוויי מינוט, עד כדי כך, אז ווען מ'האט איבער געדרוקט דעם חתם סופר שרייבן די מגיהים דארט, אז מ'האט געמיינט אז דאס איז זיכער א טעות, ווייל דאס קען נישט זיין, אבער זיי זאגן אז זיי האבן געטראפן אין שו"ת הרמ"ז אויך אזוי.[2]

אבער לויט דעם לכאורה האט מיר איינער געזאגט, אז ס'קען זיין אז אזוי האט מען אמאל געטוהן, די וועלגערער'ס האבן אזוי געמאכט לכתחילה, ווייל אז נישט פארשטייט מען עס נישט.

**רבינו:** די פאטענט'ן זענען נאכנישט געווען אמאל אזוי אויסגעארבעט אזוי ווי היינט.

**הגר"מ:** דער תירוש ויצהר שרייבט דאך אז אזוי האט מען געמאכט.

אבער דעם חתם סופר איז אינטערסאנט, אלע האבן געהאלטן אז מלאכים האבן אים געהאלפן ביי זיינע מצות,[3] אבער ס'זעהט נישט אויס אז דאס האט ער געמיינט, ווייל ער שרייבט דארט אז אין גאנצן שטאט האב איך אכטונג געגעבן...

**רבינו ציוה להביא ספר שו"ת תירוש ויצהר**

**הגר"מ:** ווילאנג דויערט דא צו באקן די מצות פון אריין לייגן די וואסער ביז ווען עס קומט אהן אין אויוון?

**רבינו:** כ'האב נישט אויסגערעכנט, כ'וועל אייך זאגן דעם אמת.

**הגר"מ:** אבער מ'איז מקפיד אויף אכצן מינוט.

**רבינו:** אוודאי, נאך בעפאר אכצן מינוט פונעם אריינגיסן דאס וואסער אין די מעהל, שטעלט מען שוין אלעם אפ, און מ'טוישט אלעם.

2 ז"ל החת"ס בתשובה הנ"ל: אע"ג דשיעור חימוץ הוא י"ח מינוטען, מ"מ במדינתינו זריזין במצוה זו אפילו הפחותים...

וז"ל במנהגי חת"ס (עמ' נ"ו): הקפיד שלא ישהו מתחלת נתינת מים לקמח עד שיוציאו המצה מן התנור אלא שנים או שלשה מינוטען, וגם שלא הי' שום חמימות בחדר אשר שם עורכים המצות. ומביא שם שהחת"ס כ' בתשובותיו דאע"ג דשיעור חימוץ הוא י"ח מינוטן, מ"מ במדינתנו זריזים במצוה אפי' הפחותים בכ"ז חלילה ללוש עיסה כשיעור חלה, כי אם העיסה יותר גדולה משיעור חלה אין ידים שולטות להצילן מחימוץ.

3 כן היה אומר הגה"צ רבי שמואל ממאטעסדארף זצ"ל שהיה מקובל במשפחת הסופרים שזה היה ע"ד נס.

מ'מאכט בערך פופצן מיירעס אין אכצן מינוט. און אז עס איז דא פופצן מיירעס אין אכצן מינוט קען עס דאך נישט לאנג דויערן.

**א' הנוכחים:** כ'האב יעצט גערופן אין בעקעריי, זיי האבן שוין אויסגערעכנט עטליכע מאל, דא געדויערט פון ווען מ'קנעט איין ביז ווען עס ווערט א מצה צווישן צוויי ביז פיר מינוט, אנהייב איז צוויי מינוט, שפעטער איז פיר מינוט. פון ווען מ'קנעט איין ביז ווען עס קומט ארויס פון אויוון.

**ועיין רבינו בשו"ת תירוש ויצהר בענין המדובר הנ"ל**

**הגר"מ:** איך האב געשריבן וועגן דעם א תשובה, בנוגע וואס מ'זעהט אביסל וועגן די מערכה פונעם צאנזער רב אויף מאשין מצות, ער איז געווען זייער שארף, ס'איז געווען גדולים אויסערן דברי חיים וואס האבן געהאלטן אז נישט נאר ס'איז א חומרא, נאר ס'איז ממש חמץ גמור.

**רבינו:** רבי שלמה קלוגער איז געווען דער גרויסער מחמיר.[4]

4 הגאון רבי שלמה קלוגער הוציא לאור קונטרס בשם "מודעה לבית ישראל" נגד המאשין מצות.


מודעא לבית ישראל

כולל

תשובות מגאוני ורבני הדור לאסור המצות אשר בצקם נערך ע"י מאשינע על חג הפסח, למען ידעו בית ישראל להזהר ולעמוד על נפשם, שלא יכשלו ח"ו בחשש איסור חמץ בפסח, ובחשש איסור ברכה לבטלה, וינהגו כימי עולם וכשנים קדמוניות:

נדפס

בפקודת הגאון אור ישראל וקדושו מופת הדור רבן של כל בני הגולה כקש"ת מוהר"ר שלמה קלוגר נר"ו מבראדי, ועל הוצאות החכמים היקרים הרבנים הנגידים דק"ק קראקא יע"א, לזכות הרבים:

בשנת תרי"ט לפ"ק.

בדפוס של כהר"ר הירש זולצבאך, בברעסלויא.

דער שואל ומשיב איז געווען דער מקיל.[5]

דער נאסוידער רב (הגה"ק ר' אברהם יהושע פריינד ז"ל בעל שו"ת מאור יהושע, שהי' דבוק מאוד בהגה"ק מרן הדברי חיים ז"ל) האט דאס געפלעגט צו רופן 'מאשין מכות', ער האט עס נישט געוואלט אנרופן מצות.[6]

ער שרייבט אין די תשובות (מאור יהושע סי' י') אז דער שואל ומשיב האט חרטה געהאט סוף ימיו.[7]

---

5 הגאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן ז"ל בעל שואל ומשיב הוציא לאור קונטרס בשם 'ביטול מודעה' לבטל דברי הקונטרס 'מודעה לבית ישראל' שיצא לאור ע"י הגאון ר"ש קלוגער כנ"ל לאיסורא.


קונטרס

ביטול מודעה

כולל קיבוץ תשובות גדולי ישראל גאונים וחכמים צדיקים מפורסמים לבטל המערערים ומנקפים על מעשה המכונה הנקראת מאשינע אשר על ידה יעריכו מצות לפסח ומחרו מודעה בקונטרס אחד לאסור המאשינע ולמען ידעו בית ישראל כי לא דברו נכונה ומעשה המאשינע יפה וכשירה ונקיה לעשות בה מצות לפסח נקבצו ובאו גאוני ארץ במכתבם אשר הריצו אל כבוד אדונינו מורינו ורבינו הגאון המובהק המפורסם מו' יוסף שאול הלוי נאטהנזאהן אב"ד דק"ק לבוב והגליל להודיע לבני אדם עדיפותה מעלתה נקיותה וכשרותה

נדפס

בהוצאות וכוללות הגבירים דקהלתינו

שנת תרי"ט לפ"ק:

Bitel Modue.

Gedruckt bei M. F. Poremba in Lamberg 1859.

6 כן מובא בשמו שפע"א רצו להראות לו בעקעריי שעושים שם 'מצות מכונה' שנעשים בדקדוק גדול מאוד, והגה"ק מנאסויד סירב לראותו, ואמר, אויב דער הייליגער רב האט געזאגט אז ס'איז חמץ גמור, גלייב איך אז עס קומט א מלאך און לייגט אריין חמץ אין די מצות.

7 וז"ל: ...וכן שמעתי מפ"ק מרן הגה"ק צדיקו של עולם משינאווא זצוקלה"ה שצווח למאוד בק' לבוב בשנת תרמ"ב, והגאון בעהמח"ס שואל ומשיב זצוקלה"ה אמר קודם פטירתו לתלמידו וקרובו שהי' אבד"ק סערעט שיזהר מאוד מלאפות על המאשי"ן כי נתחרט על מה שהתיר, ובודאי המתיר יורה כמ"ש (ר"ת תוס' ע"ז לא. ד"ה דרדיא), ועלינו יערה רוח הבורא וכמה וכמה אנשים נעשו בעלי מומין רח"ל.

וידוע שאין לנו בדור הזה מי שיחלוק על דברי מרן דכולהו תלמידי בעל ד"ח זצוקלה"ה וסייעתו הגאה"ק...

**הגר"מ:** מענטשן מיינען אז דער צאנזער רב האט עס געזאגט נישט מעיקר הדין, אז מ'קוקט אריין זעהט מען נישט אזוי, נאר ער לייגט צום עיקר הדין אויך, אז מטעם הכמוס וויל איך נישט...[8]

**רבינו:** אוודאי, ער האט געהאלטן אז מעיקר הדין איז עס אסור.

ער האט אויך געהאלטן אז ס'איז נישט לשמה, אז א מאשין מאכט דאס איז עס נישט לשמה.[9]

אבער אז ס'איז נישט לשמה איז נאר דער פראבלעם אויף די כזית מצה, א גאנץ פסח וואלט מען וועגן געקענט עסן, און ער האט געהאלטן אז ס'איז חמץ אויך כלפי גאנץ פסח...[10]

---

8 עי' מש"כ מרן רבינו ז"ל בספרו הק' ויואל משה (מאמר א' סי' קמ"ג) וזלש"ק: "וכשהתחילה השערוריה בעולם על דבר המאשין מצות, והיה פלוגתא בין החכמים מערכה מול מערכה, זה אוסר וזה מתיר, וכאו"א כתב טעמו ונימוקו, בכל פרטי העשיות של המאשין, ומרן הגה"ק מצאנז החליט לאסור מחמת טעם הכמוס וכו', ורבים תמהים מדוע לא גילה טעם ההלכה, והיו גדולים שחתרו להבין טעמו ונימוקו בסברות שונות, ולפענ"ד ד"ת עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר, כי בחלק ב' (סי' א') בענין המאשין ציצית, כתב שאי אפשר להתיר המאשין בשום אופן כי אופני המאשין משתנים בכל יום, ואם יצא מאשינען בהיתר יעשו גם מאשינען אחרים כמתכונתם באופן שבוודאי אסור ומי יאמר להם דבר, וכו', ע"כ חלילה להתיר מאשין במצוה דאורייתא, עיי"ש מה שהאריך בזה, ומובן שטעם זה הוא גם במאשין מצות", עכל"ק בויואל משה.

ועי' בספר קימו וקבלו ח"א (בהערות מ"י זהב אות צ"ג) שמביא בשם רביה"ק ז"ל (בשנת תש"ז) מה שאמר בתוך אחד השיחים - עוד טעם יש לומר על תמיהת העולם למה מרן הגה"ק מצאנז זי"ע לא גילה טעמו ונימוקו לאסור המאשין מצות, משא"כ גבי מאשין ציצית (בח"ב סי' א') גילה טעמו, והנראה כי בציצית מסיק הדברי חיים בלש"ק: ובטוח אני לראות מהרה במפלת המאשין, עי"ש. והנה מחמת שהרגיש שבכוחו לבטל כל הפאבריק לא חת לגלות טעמו, משא"כ גבי מאשין מצות לא הרגיש בכוחו לבטלו, לכן סתם הדברים ולא כתב אלא כי הטעמים כמוסים, עיי"ש.

9 א' מעיקרי טענת האוסרים היה שצריך שימור לשמה, וע"י המאשין הוי כמו ע"י חש"ו או עכו"ם ואסור לצאת בה, וכן צריכין שיהיה נעשה ע"י כח גברא, וכ"כ הגאון רמ"ז איטינגער במכתבו הנ"ל (אות ו) וזה לשונו: דע"י המאשין יחסר אחד ממלאכות המיוחדות בפת שצריכין עשייה לשמה במצת מצוה בלישה עריכה ואפיה שהם העיקרים בזה כדמובא בפוסקים, וע"י המאשין נחסר העריכה כי במעשה האיש המגלגל את המאשין לא נערכה העיסה ע"י האדם אלא בכח כח כוחו, וא"כ לא נחשב מעשי ידי אדם, וא"כ על מה יחול כונתו לשמה.

10 וז"ל מרן הדברי חיים: "אך די לאסור במה שכתב הגאון רמ"ז נר"ו (ה"ה הגאון רבי מרדכי זאב איטינגער ז"ל מלעמבערג מח"ס מפרשי הים וס' מגן גבורים) שראה בעיניו המאשין וכי אי אפשר לגרור היטב הנדבק בו וכו', אולם גם לדעתי הרבה טעמים עפ"י דין לאיסור, אך הם כמוסים אתי, כאשר

**הגר"מ:** ער ברענגט אפאר טעמים פארוואס ס'קען זיין חמץ, ס'איז געווען די גרויסע רעדלעך.

**רבינו:** יא, 'וואלציך' האט עם געהייסן.

**הגר"מ:** אז מ'לייגט אריין א גרויסע טייג ווערט אהנגעווארעמט די טייג.

**רבינו:** ס'איז מחמיץ.

**הגר"מ:** און נאכדעם ווערט באהאלטן די טייג צווישן די ציינדלעך און עם דויערט אפאר מינוט ביז ווען עם גייט ארויס.[11]

**רבינו:** דער דברי חיים האט געהאלטן אז מ'קען עם נישט אזוי גוט אויספוצן.

**הגר"מ:** יעצט איז דא וואס האבן געטראפן דעם מהלך וואס מיר האבן פריער גערעדט, א שיטה וואס דאס מאכט אז אלעם אויפן זעלבן סיסטעם, איין טייגל און מ'געט איין דריי, יעדער איינער נעמט די זעלבע טייגל און געט איין דריי, איז די אלע טענות וואס איז דא דארט (אצל המאשין מצות) איז לכאורה נישטא דא, ס'איז נישט קיין פאבריק, די טענה פון די מאשין מצה איז אז מ'לייגט אריין א שטיק טייג און עם טוט אפאר פעולות און ס'קומט ארויס, דאס איז אויך נישטא.

**רבינו:** זיי האבן אויך געהאלטן אז ס'איז כח כוחו, און דאס איז שוין נישט, ווייל ס'דרייט מיט זיין כח.[12]

**הגר"מ:** איז דא האט מען געטראפן אזא סארט וועג וואס איז נישטא אזוי דעם פראבלעם, ס'איז ריכטיג אז ס'איז א נייע זאך, אבער ס'איז דא אסאך חסידישע און מהדרין וואס זיי זענען אריבער אויף דעם.

**רבינו:** אזוי?! ס'איז דא וואס זענען אריבער אויף דעם?

**הגר"מ:** די ליובאוויטשער, אפילו ביי זיי איז אויך דא צוויי, האלב ווילן נאר די מצות, די ליובאוויטשער רבי'ס זענען געווען זייער שארף קעגן מאשין מצות,[13]

---

כן קבלתי מפי חותני הגאון מלייפניק זצ"ל (בעל ברוך טעם) שבכמות אלה הדברים אין לגלות הטעם רק לפסוק הדין בהחלט והשומע ישמע וכו', ולכן בדרך החלט אני אומר לכם כי העושה מצות על כלי זה היא חמץ גמור", עכל"ק.

11 כן מתואר המכונה הראשונה (שנוסדה בעיר בערלין בשנת תרי"ח) בספר שדי-חמד (אסיפת דינים מערכת חמץ ומצה (יג,יב): במכונה הזאת הלא עינינו רואות כי הכל נעשה ע"י אדם. ואנשים העושים במלאכה - אחד לש העיסה ע"י העץ המוכן לזה, ואח"כ מושיט בידו לבין הואלצין (קנים מרדדים), ואחד או שניים מעגלין בגלגל. ואח"כ כשיוצא כמו מצה ארוכה כפי אורך השלחן הסמוך להואלצין ומחופה בטס מתכת (בלעך), לוקח ביד כמו שבעה או שמונה רעדליך מחוברים יחד קרובים זה לזה, ועובר על המצה הארוכה מלמעלה למטה ומלמטה למעלה, ונמצאת כולה מנוקבת. ואח"כ חותך בכלי עגול כמידת המצה. ואח"כ נותן בתנור שיש בו שני פיות -אחד נותן המצה מצד מזרח, דרך משל, והשני רודה מן התנור מצד דרום. ואם אחד יסלק ידו אף רגע, לא נעשית מלאכתו בידו. והכל במהירות ונקיות מופלאה. שיערתי בדעתי, כי בין הכל ישתהה ערך חמשה או ששה מינוט.

12 עיי' בדברי הגאון רבי שלמה קלוגער ז"ל בשו"ת האלף לך שלמה (השמטות לאו"ח סי' ל"ה) ובקונטרס מודעה לבית ישראל (עמ' ד') לענין מאשין מצות, שכ' אם הוא מגלגל רק המאשין, ועל ידי כן מסבבין הגלגלים ממילא, ואין הגלגלים בידיו, הוי רק כבר כח כחו.

13 עיין בס' אגרות הרש"ב (ה"ד) שנעתק מכתב מהאדמו"ר הרש"ב ז"ל בערך משנת תרס"ד אל הגה"ח רבי ארי' לייב האפט אב"ד קאנאטאפ בעל שו"ת דברי טעם ומזקני חסידי הצמח צדק, וזה לשון המכתב:

כבוד ידידי הרב המפורסם וח"ס נכבד י"א כו' מו"ה ארי' ליב שי'. - מכתבו נכון הגיעני, ובדבר המאשין לאפיית מצה, הלא זה כמה שנים מלפנים רבו המנגדים על המאשינען, ובמה מצאו עתה שטובה היא וגם עוד מהודר ביותר וביתרון, אשר הרבנים הגדולים ז"ל יראי ה' והרדים לדבר הוי' אסרו את המאשין, ומהם אשר לא רצו לגלות הטעמים שלהם, בכדי שלא יסתרו אותם אבל פסקו בתוקף לאיסור, ומהם שכותבים שהוא חמץ גמור, איך ימלא לבנו לעבור ח"ו על דבריהם.

ולבד החששים שכתבו בזה, שמעתי זה איזה שנים מר' יחיאל הלפערין שאמר לו חימיק (כימאי) ירא אלקים אשר עפ"י חוקי החימיע בנגיעת העיסה בהמעטאל של הוואלצין (במתכת של הגלגלות) נעשה בה חימוץ תיכף ברגע זו, ואני מאמין אשר הרבנים הגאונים הנ"ל רוח ה' נוססה בהם לאסור בתוקף את המכונה מצד החשש הנורא הנ"ל, אף שהם לא ידעו מזה, וע"ד מ"ש בשו"ת צ"צ (יו"ד סי' קע"ו ח"ג) בשם האו"ת.

וכאשר כבודו שואל מאתי, אני איני מסכים על זה בשום אופן, ואין לנו לחדש דברים כי אם לילך בדרך הישרה שהניחו לנו רבותינו הק' זצוקללה"ה, וזאת מוטל חובה על כל רב בעירו להעמיד משגיחים בבתי האפי', כי באמת אין השגחה כלל וכמה מכשילים כו'...

והשי"ת יעזרנו שנזהר ממשהו חמץ בפסח, ומיכלא דמהימנותא יאיר בנפשנו לעודדנו ולחזקנו בעבודתו ית'.

ויקבל החוה"ש והברכה מאדה"ש כאות נפשו וידידו דו"ש מלונ"ח תכה"י - שלום דובער. עכ"ל המכתב.

*

מכתב נוסף יש מהאדמו"ר הנ"ל (נדפס באגרות הנ"ל עמ' רכו) והוא נכתב אל הרה"ג ר' יעקב מרדכי בזפלוב אב"ד פולטבא מחסידי אדמו"ר מהר"ש מליובאוויטש ורעהו הטוב של אדמו"ר מוהרש"ב, וז"ל:

ב"ה יום ב' ב"ב אייר תרס"ז לפ"ק ליובאוויטש - כבוד ידי"נ הרה"ח המפורסם נכבד ומרומם יר"א כו' מו"ה יעקב מרדכי שי'

...בדבר המאשין הנה בעצם הדבר כבר מבו' הרבה בשד"ח, אמנם מה אומר לו אם ח"ו כבודו יתיר מאשין, בלתי ספק אשר יתהוו מאשין ברוב עיירות מפלכים שלהם על סמך זה.

אנדערע ווילן נאר די מצות, און אנדערע נישט. און ס'איז געבליבן אזא שאלה.

איך האב געזאגט אזוי, הלכה'דיג איז עס זיכער ווייט פון מאשין מצות, ס'איז נישט קיין מאשין מצה. איך שרייב אפאר הסברים פארוואס נישט.

**רבינו:** מ'האט זיך דאך געקארגט אמאל, מ'האט געמאכט רונדעכיגע מצות, און די אלע שטיקלעך וואס איז געווען אין די עקן האט מען צוריק געלייגט...[14]

**הגר"מ:** און דארט איז דא א שטארקע טענה אז דאס איז דאך שוין אויסגעארבעט.

**רבינו:** איך זעה ער ברענגט דא א מעשה (בתשו' תירוש ויצהר (סי' קפ"ח) הנ"ל) אז רבי שלמה קלוגער מיט רבי יוסף שאול זענען געווען אין וויען – כ'האב קיינמאל נישט געהערט די מעשה – און זיי האבן זיך ארום געקריגט א גאנצע צייט.

ער האט געבעטן, דאהי הייסט עס אן אפוינטמענט, ביים קייסער, און דער מיניסטער האט נישט געקענט אזוי שנעל געבן, און מ'האט אים געבעטן אז ער זאל צואיילן, האט ער געזאגט 'מ'באקט דאס נישט אויף די מאשין...' האט ער אים געזאגט זעהסטו אז ער זאגט אויך מ'באקט נישט אויף די מאשין... עפעס אזוי האט ער געזאגט, אזוי ברענגט ער די מעשה דארט.[15]

**הגר"מ:** לויט ווי ס'שטייט אין די תשובה איז זייער שווער דער חתם סופר, ב' או ג' מינוט. פון אריין לייגן די וואסער ביז נאכ'ן באקן זאל זיין ב' או ג' מינוט?

**רבינו קרא מתוך ד' החתם סופר הנ"ל:**

"הנה אנחנו מקפידים שלא יהיה ולא ישהה מתחילת נתינת מים לקמח עד שתוציא המצה מהתנור אלא ב' או ג' מינוטין".[16]

און ער ברענגט דארטן [אין די הגהות] אז ס'איז דא וואס האבן געוואלט זאגן אז ס'איז א טעות סופר [שיש גורסים י"ב או י"ג מינוטין], ונמצא שכבר נזכר שיעור זה בשו"ת הרמ"ז סי' נ"ב.

**הגר"מ:** יעצט דא שטייט אויך אז אין אלע בעקערייען פון שטאט, האט דער חתם סופר אכטונג געגעבן ס'זאל אזוי זיין.

און די אלע מומחים אין בעקערייען וואונדערן זיך אויף דעם ווי אזוי מ'קען דאס טוהן.

---

וגם זאת בלתי ספק אשר המאשין בלי השגחה היא גרועה הרבה יותר מהפאדראדין, כי עמל העיסה הוא הרבה יותר באין ערוך וממילא נוגע ביותר השהייה.

ואם כבודו במקומו ישגיח היטיב על כל פרט, גם זה א"א להחליט כ"כ, כי הרי לא יהי' בעצמו כ"א ע"י שלוחים כו', וביותר כי כל דבר נחלש מזמן לזמן ואם בראשית הזמן יסכימו ויתנו לו מהקהל כל מה שידרוש בהנוגע לההשגחה, במשך הזמן ימאנו כו', אבל יהיו מקומות אשר לא ישגיחו, וזה גרוע מאד וגם לא בכל המקומות המאשין הן של הקהל כ"א של יחידים והקלים שבהם מביטים בשלהם, ויפסידו יותר בהנוגע אל הכשרות מהאופים הקלים, והלא יותר טוב לעשות תנורים ופאדראדין של קהל, כי טענות האופים אחת היא, וכבודו יעמיד משגיחים טובים, וכמה שיהי' התיקון בזה עכ"פ לא יהי' קלקול ח"ו.. עכ"ל.

14 כן מובא בתשובת הגאון ר' מרדכי זאב איטינגא ז"ל מלבוב: ...ואחר כך יקחו דפוס אחד עגול ובו יעשו המצות מן העיסה הדקה הפרוסה על השולחן כו' ואת אשר נשאר מהעיסה, היינו הקצוות הקצוצים בדפוס העיגול, יקחו ויעשו ממנה עיסה בהצטרף לעיסה אחרת... עכ"ל.

להלן ציור עתיק מהמאשין מצות שהיה בימים ההם, שבו רואים סדר עריכת המצות העגולות באופן הנ"ל:



15 עיי"ש המעשה פלא שפע"א נזדמנו שני הגאונים בעל השואל ומשיב עם הגאון ר"ש קלוגער לפונדק אחד, כשהלכו יחדיו לפעול ולהשתדל לטבת כלל ישראל אצל הקיסר פראנץ יאזעף, ותיכף כשנפגשו סביבם נסערה מאוד בחילוקי דיעותיהם בענין המאשין מצות, וכך נתווכחו על אם הדרך זה הביא ראיות לאיסור וזה להיתר, עד שהגיעו לבית השר שהיה ממונה לקבוע זמני הפגישות עם הקיסר אמר להם שיהיה להם להמתין עד למחר כי הקיסר מאוד עסוק היום.

ר"ש קלוגער שלא היה יכול להמתין עד למחר הפציר בהשר אולי יוכל לסדר להם פגישה עוד היום, אמנם השר סירב והסביר לו שאין ביכלתו לשנות הסדרים, ובין הדברים התבטא בלשונו: "מען באקט דאס דאך נישט אויף די מאשין", היינו שאינו הולך חיש מהר כפי רצונם.

כשיצאו מאת השר פנה האון ר"ש קלוגער אל השואל ומשיב ואמר לו: "לעמבערגער רב, איר האט געהערט, אויך פון קייזער קאנצערלאריע זאגט מען אזוי ווי איך אז מען באקט נישט מיט קיין מאשין", ודפח"ח.

16 וז"ל שם בהמשך התשובה הנ"ל: ...אע"ג דשיעור חימוץ הוא י"ח מינוטין, מ"מ במדינתינו זריזין במצוה זו אפי' הפחותים, ובכל זה חלילה ללוש עיסה כשיעור חלה, כמבואר בש"ס [פסחים מ"ח ע"ב] ושו"ע [סי' תנ"ז ס"א] קפיזא לפסחא, כי אם העיסה יותר גדולה משיעור חלה אין ידים שולטות להצילה מחימוץ, וגם שלא יהא שום חמימה בחדר ששם עורכין המצות עד שיניחנו על הפאל"ה שסמוך לנתינה לתנור ממש אפי' כרגע כמימריה... עיי"ש.

איז וואס האלט דער רבי, מ'קען זאגן אז דער חתם סופר האלט אויך אזוי מיט די וועג? ווייל מיט דעם וועג יאגט מען אהן. דער פראבלעם וואס ס'נעמט צייט ווייל איינער מאכט אזוי און איינער אהער אהין, אבער אז יעדער געט נאר איין דריי, איז שנעלער ס'זאל זיך ענדיגן.

**רבינו:** קען זיין, אבער ס'מוז נישט זיין, כ'וועל אייך זאגן, אינדערהיים [במדינות אייראפע לפני המלחמה] האט מען נישט געבאקן אזוי ווי דאהי, היינט דאהי באקט מען ווי מ'רופט עס אינטער א סיסטעם, דאס הייסט מ'קנעט איין, און די אכצן מינוט רעכנט זיך ביים איינקנעטן אנדערש ווי ביים רעדלען, ס'איז גערוקט, ווייל ווען דער רעדלער רעדלט נאך די אלטע מצות האט דער קנעטער זיך שוין געוואשן די הענט און ער מאכט שוין א נייע מיירע, ווייל דאס איז ארבייט אזוי ווי א פאבריק ארבעט. אמאל האט מען נישט אזוי געארבעט. כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל ווי אזוי האט מען געבאקן מצות אינדערהיים? אלעס איז געגאנגען צו שטאט, מ'האט איינגעקנעטן, מ'האט אויסגעוואלגערט, מ'האט אריין געלייגט אין אויוון, און מ'האט געענדיגט, מ'איז זיך געגאנגען וואשן די הענט און מ'האט אהנגעהויבן פון דאסניי, יעדעס מאל איז געווען א פרישע התחלה, אזוי האבן זיי געמאכט, במילא קומט אויס קען מען עס מאכן אז ס'זאל ווערן א מצה אין צוויי מינוט. מ'האט אויך נישט גערעדלט אינדערהיים, מ'האט געשטיפלט... מ'איז אדורכגעגאנגען די גאנצע מצה מיט האלצערנע גאפלעך, אז ס'האט געדויערט לענגער ווי היינט רעדלען.

**הגר"מ:** אין אלע בעקערייען איז אזוי געווען?, ווייל איך פארשטיי אז דא ברענגט ער אין די תשובה אז אלע בעקערייען איז געווען אזוי, און ס'זעהט אויס אז ס'איז געווען גרויסע בעקערייען.

**רבינו:** יא יא, ס'איז געווען א גרויסע שטאט, און אידן האבן געדארפט צו האבן מצות.

אין די הוראות פונעם פעטער ז"ל שטייט אויך אזוי, נאך יעדע מיירע זאל מען זיך וואשן די הענט, אזוי האט מען געארבעט אין די אלטע היים.[17]

**הגר"מ:** ביי מיין טאטן'ס (הגאון הגדול בעל קנה בושם ז"ל) פרטי'שע חבורה איז אויך געווען אזוי, ס'איז נישט געווען קיין הוראה כללית, אבער אזוי איז געווען, מ'האט געארבעט אויף א מיירע, און יעדער וועלגערער האט נישט געטארט נעמען נאך א מצה, ער האט געמאכט איין מצה און זיך געגאנגען וואשן די הענט, אזוי האט מען געמאכט.

**רבינו:** יא, אזוי איז געווען אינדערהיים.

**הגר"מ:** איז לויט ווי דער רבי זאגט איז אפילו די גרויסע בעקערייען. ווי אזוי האט מען געקענט?

**רבינו:** ס'איז אזוי, ארבעטער'ס איז געווען, מ'האט נישט געצאלט קיין סאך, און ס'איז געווען אסאך ארבעטער'ס, יעדער האט גוט געקענט די עבודה ווייל יעדער האט זיך געקנעטן פאר זיך א גאנץ יאר און מ'האט אליינס געבאקן, יעדער האט זיך דאך אליינס געבאקן ברויט און חלות אויך, האט יעדער געקענט וועלגערן.

**הגר"מ:** אלע האבן געקענט אלעס.

**רבינו:** יא, מ'האט געקענט, אזוי איז געווען. במילא האט מען געקענט אניאגן די ארבעט.

במילא איז נישט קיין ראיה אז דער חתם סופר האט געארבעט מיט דעם מהלך (הדרייער-רעדל הנ"ל). מ'האט דאס געקענט באוויזן אויפן געהעריגן אופן אויך.

**הגר"מ:** וואס דער חתם סופר האט געהאלטן וועגן מאשין מצות ווייסט מען נישט, די מאשין מצות איז דאך ארויסגעקומען הערשט שפעטער.

**רבינו:** יא, ס'איז געווען אינעם כתב סופר ציטן, און ער האט מתיר געווען מאשין מצות, וועגן דעם איז עס געווען אין אונגארין (אצל האשכנזים).[18]

**הגר"מ:** אבער דאס איז קלאר אז צאנזער אייניקלעך האבן דאס גענוצט, לויט ווי אזוי ס'שטייט דא (בשו"ת תירוש ויצהר) איז פשט אז זיי האבן אויך אזוי געטוהן.

**רבינו:** זיי זענען געווען אין גלות, אין קארלסבאלד, זיי זענען נישט געווען אינדערהיים, זיי זענען געווען

---

17 בשו"ת דברי יואל סי' קס"ג, וכן בהגש"פ דברי יואל (עמ' כ"ב) מובא אזהרות ותקנות בסדר אפיית המצות משנים הקודמים בק"ק סאטמאר יצ"ו, ושם באות ט"ז כתוב כדלהלן: "הלש והמגלגלין וכל העוסקים בהמצות, ידיחו ידיהם אחר כל מיירע במים צוננים היטב שלא ישאר משהו עיסה על ידיהם, ולנגבם. על כן יהא מוכן כלי גדול מלא מים, וכלי קטן לשאוב לצורך הדחת הידים ומפות יבשים, שיוכלו להדיח ידיהם ולנגבם היטב בזריזות.

18 וז"ל הכתב סופר: "והסכמנו לאפות עליה כי הכל בזריזות ביותר מעל ידי עוזרים אדם", עיי"ש.

צופרידן אז מ'האט געהאט מצות, דאס איז נישט קיין ראיה אז מ'וואלט דאס געטוהן אויך לכתחילה.

**הגר"מ:** אבער ס'איז משמע אז מ'האט אויסגעשטעלט לכתחילה בעקערייען אויף דעם וועג.

**רבינו:** מ'האט אויסגעשטעלט די בעקעריי אזוי, אבער ס'איז געווען אין די ערשטע קריג, זיי זענען געווען אין קארלסבאלד, עס האבן געוואוינט דארט אסאך אידן.

**הגר"מ:** אבער כ'פארשטיי אז ער ברענגט דאס פאר א ראיה אז ס'איז געווען נארמאל.

**רבינו:** ווען ס'איז א שעת הדחק קען מען נישט קיין ראיה ברענגען, אין מביאין ראיה משעת הדחק (ירושלמי סוכה פ"ג).

ס'איז דאך טאקע געווען א שעת הדחק, דעמאלטס איז נישט געווען וואס צו עסן, מהאט אפילו מתיר געווען קטניות ביי די ערשטע קריג.[19]

---

19 עיי' בקובץ אוצרות ירושלים (חלק רמ"ב עמ' תר"ס) שמביא קול קורא שהיה בעיר וויען בשנת תרע"ט להתיר קטניות בפסח מחמת המלחמה, ועליה החתומין כל גדולי הרבנים ששהו אז בעיר וויען כגון הגאון רבי מאיר אריק אב"ד טורנא, והגאון בעל המחזה אברהם מבראדי והגאון רבי יוסף ענגעל זצ"ל ועוד.

להלן העתק מנוסח הקול קורא הנ"ל:


ב"ה

מודעה

אנחנו הח"מ שמנו על לבינו גודל הלחץ והדחק בחיי נפש לאחינו הגולים מגאליציען ובוקאווינא אשר פה עיר וויען ויצא מאתנו במוסכם עפ"י התורה הקדושה להתיר לחג הפסח הבעל"ט בשנה הזאת בפה וויען מקצת דברים שנהגו בהם איסור והם הדברים שיבארו להלן, ועפ"י האופנים שיבוארו:

א. ערבסען, באהנען אונד גאנצע קוקורוץ, דאס הייסט מאן זאל ניכט קויפען געמאהלענעם קוקורוץ-מעהל, נור גאנצען קוקורוץ אונד מאן זאל עס אליין מאהלען אין איינער האנד-מיהלע, ריין אויסגעפוצטע אויף פסח אונד דאמאלס איזט אויך נור מותר צו קאכען אבער ניכט בו באקען.

ב. דיע אבענגענאנטע זאכען, באות א', ברויכט מאן זעלבסט אויסקלויבען פאר פסח זעהר געניי דאמיט עס זאל אין זיי ניכט זיין ח"ו קיין שום משהו פאן איינען דער מיני דגן נעמליך ווייץ, גערשטע, קארן, האפער אונד אקערש.

ג. דאס קאכען פאן אבענגענאנטע זאכען באות א' אין פסח מוז זיין דורך חליטה דאס הייסט מאן זאל זיי ניכט אין טאפף הערייינלעגען בעפאר דאס וואסער ווירד גוט זידען (דאס הייסט בלאזלען) דאן ערסט זאל מאן דיע אבענגענאנטע זאכען אין דאס זידענדע וואסער הערייינקאמען זאלען זיי גאר ניכט גענעצט ווערדען.

ד. פיר קינדער, וועלכע האבען ניכט פאלענדט דאס צוועלפטע יאהר, זאוואהל זכרים ווי אויך נקבות מעג מאן אויך רייז און הירז געבען אונד אויך מיט דער בעדינגונג, דאס פאר פסח גוט איבערצוקלויבען כנ"ל באות ב' אונד דאס קאכען ע"י חליטה דהיינו אין זיעדענדעס וואסער דוקא כמבואר באות ג'. אויך מוז מאן סעפעראטע כלים האלטען פיר דעם קאכען אונד עסען רייז אונד הירז לקטנים וקטנות הנ"ל (כי אורז ודוחן חמור יותר מקטניות).

ה. בלומענ-עהל וואס קאמט פאן אונגארן איזט מותר לפסח דיעזעס יאהר. מאן זאל דאס קויפען פאר פסח אין איין פסח'דיגע כלי הערייינגיעסען.

ו. כל ההתירים הנ"ל אינם אלא בשנה זו ובפה וויען וכן אין ללמוד מזה לשנה אחרת ולמקומות אחרים, כי התרנו מחמת הדחק כעת פה וויען וכן אין להתיר עוד שאר מיני קטניות רק הדברים המבוארים לעיל אות א' הן לקטנים הן לגדולים ורייז והירז הנ"ל לקטנים דוקא כמבואר שם והכל עפ"י האופנים המבוארים לעיל.

והשי"ת ברחמיו ימהר ויגאלנו ויבנה בית מקדשנו ותפארתנו ונזכה לקיים חג הפסח ככל משפטו וחקתו בב"א.

ועז"ב באעה"ח ר"ח ניסן עטר"ת לפ"ק וויען.

אברהם מנחם הלוי שטיינבערג אבד"ק בראדי.
מאיר אראק אבד"ק בוטשאטש
יוסף ענגעל ראבד"ק קראקא
חיים יצחק ירוחם אבד"ק אלטשטאדט
יחיאל מיכל לייטער אבד"ק דונאיוב
דוד פרענקעל אבד"ק גאפאלאקוויץ
בן ציון כ"ץ אבד"ק בארשטשוב."

---

ועיי' בשו"ת מהר"ם בריסק (ח"ב סי' י"ט) דהתיר חמניות שחורות בשעת מלחמה שהיה שעת הדחק, והביא שיש מהגדולים שאין מחשיבים אותו כקטניות. ועיין בשו"ת יד יצחק (חלק ג' סימן ה), וראה בזכרון יהודה (סימן קט"ו), ובמרחשת (ח"א סימן ג) שאסרוהו כקטניות, וראה במעדני שמואל (סימן קי"ז).

ובס' 'בנתיבי עם' (אוסף מנהגי ירושלים) כתב על מנהגי ירושלים: וחכמי הספרדים היו נמנעים מאורז, מאחר שהדבר יצא מפי הפר"ח והחיד"א, ברם במלחמה העולמית הראשונה מחמת הרעב התירו לאכלו, שנשלח כמות הגונה מארה"ב לשבור הרעבון.. ע"ש.

אמנם יש לציין שבשו"ת שואל ומשיב (מהדורא קמא ח"א סי' קע"ח) מביא מעשה נורא, שפעם אחת נתאספו הרבנים הגאונים והתירו לאכול באותה שנה קטניות בפסח מפני הדוחק הגדול ששרר אז, והיה מכשול גדול מפני שהמון העם בישלו את הקטניות במים, ומתוך כך חזרו בהם הרבנים, והורו לאיסור, ובאותה שנה מתו רבים במגיפות קשות שפרצו היל"ת, ותלו הרבנים את המגיפות בהיתר הקטניות, ונעתיק לשונו שם: והעידו אלי אנשים רבים שאבותיהם ספרו להם שפ"א נתאספו הרבנים הגאונים והתירו לקנות בוניס לאכול בפסח, והיה מכשול גדול שההמון בשלו בוני"ס עם טשיפקליך כמנהג בחול, וחזרו בהם הרבנים והיתה שנה קשה אח"כ, ורבים מתו בחולאות קשות ורעות ר"ל, ותלו הרבנים אז באותו חטא ד' יצילנו משגיאות הוראה, ובפרט להקל על סייגי חז"ל, ע"כ.

מאידך גיסא מסופר על רבי יצחק אלחנן מקאוונא ז"ל שהתיר קטניות בפסח בשנת בצורת, כדי להציל נפשות מרעב, כשראה שהגאון רבי ישראל מסלאנט זצ"ל חוכך בדבר, אמר לו רבי יצחק אלחנן: ידע מע"כ, שאני ובני ביתי וכל חשובי קאוונא נאכל קטניות בפסח, יראה מר ממני וכן יעשה, כדי שלא יהא לבם של עניים נוקפם שעבירה היא בידם, ויושבת מהם משוש חגם..

אגב, עיי' בס' בקדושתו של אהרן (עמ' קס"ה) סיפר רבי דוד פרענקל ז"ל על אביו הרה"ח רבי בערל ז"ל בשעת מלחמת העולם השניה היה זמן שרצו להתיר קטניות בפסח מפני שעת הדחק, והחליטו שיכנסו אסיפה עם כמה רבנים אשר באותו הגעטא ושם יקבלו החלטה, לאסיפה קראו גם לר' בערל הנ"ל שהיה מוועד העסקנים, במהלך האסיפה כבר נטו כל הרבנים שם כי"ב במספר להתיר קטניות בפסח, מפני שאין ברירה מחמת גודל הדחקות והעניות הגדולה ששרה שם בגעטא.

כששמע זאת ר' בערל התחיל להרעיש שם שבשום אופן אינו מסכים שיתירו קטניות בפסח, ואם הם יתירו אז הוא יתפטר מהוועד, ובאמת רצו בו מאוד מכיוון שהוא עוזר להם הרבה, ושאלו אותו אם אין אתה מסכים שנתיר כיצד יסתדרו הציבור עם הדחקות והעניות, ענה ר' בערל שהוא יסדר בבית התבשיל שיתנו מאכלים אחרים, וכך הוה שסידר בשביל העולם מאכלים אחרים, ועי"ז לא נצרכו להתיר קטניות בפסח.

אחר העובדא הזאת בא ר' בערל לביקור בימי החנוכה להרה"ק מהר"א מבעלזא, וכיבדו מרן לזמר מעוז צור, והיה פלא בעיני הקהל שדוקא אותו שהינו עסקן חרוץ כיבד בזמר 'מעוז צור' שהדרך היה לכבד רבנים וכדו'.

פנה אליהם המהר"א באמרו, אל תתפלאו האיך אני מכבדו במעוז צור, כיון דהיהודי הזה עמד כנגד י"ב רבנים, וכל זה היה בעיצומה של המלחמה וזכר אותו לטוב.

**א׳ הנוכחים:** די טענה איז אויפן צווייטן רעדל?, די צווייטע וועלגערער אז דאס איז כח כוחו?

**הגר״מ:** ביי דעם איז נישטא דער פראבלעם. דארטן איז געווען דער וויכוח צי כח כוחו הייסט ווי כוחו.

דאס פון וואס אונז רעד מיר איז געמאכט אזוי, אז יעדער ריר וואס ער געט טשעפעט ער גלייך דעם אנדערן וועלגער רעדל אויך. מיט יעדן ריר רירן זיךביידע אויפאמאל, ער האלט די הענטל צוגעטשעפעט צו ביידע און ביידע ווערט אויף איינמאל, אז נישט איז טאקע א פראבלעם.

**א׳ הנוכחים:** נו, אויב אזוי וואס איז די טענה אויף דעם?

**הגר״מ:** אויף יעדע נייע זאך וואס קומט ארויס ווערט א מדובר.

דער אויוועז דארט ארבייט אויך אויף אן אינטערסאנטן אופן, דער אויוועז ארבעט אויף געז, און א אזא אייזערנע נעץ פארט אריבער.

**רבינו:** איך פארשטיי ווי אזוי דאס ארבעט, ס׳פארט אריין פון איין זייט, און עס קומט ארויס פון די צווייטע זייט.

**הגר״מ:** יא, און אויף דעם איז נישטא קיין טענות.

ביי יעדע נייע זאך איז אזוי, א מענטש זעהט א נייע זאך ווערט נתעורר זאכן, ס׳איז פשוט אזוי.

**א׳ הנוכחים:** פארוואס דארף דאס זיין אויף געז, עס קען דאך זיין מיט פשוט׳ע האלץ אויך.

**רבינו:** אמת, אבער דאס איז שוין דא נאך בעקערייען וואס דער אויוון איז אויף געז.

**הגר״מ:** די וואס האבן פרטי׳שע בעקערייען מאכן אויך אויף געז.

**רבינו:** דער אמת איז אזוי, היינט איז אכשר דרא אין אסאך זאכן וואס מ׳קען מהדר זיין במצוות, וואס מ׳האט נישט געקענט מהדר זיין אמאל לויטן מציאות, אין מצות טאקע אליינס אויך, ס׳איז קיינמאל נישט געווען אזעלכע גוטע מהודר׳דיגע מצות וואס ס׳איז היינט דא, ס׳איז נישט געווען אזא גוטער אויוון, היינט איז זייער גוט די טעכניק, עס איז א גוטער דאך, א אויוון איז געווען מ׳האט געהייצט מיט האלץ, מ׳האט נישט גענוצט קיין קוילן, מ׳האט נישט געבאקן אויף קיין קוילן נאר אויף האלץ, די האלץ פלאמט גוט עס ברענט גוט אבער ס׳ברענט זיך אויס, ס׳האלט נישט אזוי גוט די היץ, דערפאר איז תנור ראשון די ערשטע אויוון געווען א גאנצער יחוס ווייל ס׳איז נאך געווען הייס, און שפעטער אין טאג האט שוין נאכגעלאזט ס׳איז שוין נישט געווען אזוי הייס.

אין סאטמאר האט דער פעטער ז״ל געמאכט א פאטענט אז ס׳איז געווען א פי התנור אין די אנדערע זייט אויך, איינער האט אריין געלייגט און דער צווייטער האט ארויס גענומען, ס׳איז געווען אזא פאטענט וואס איז נישט געווען בעפאר, דאס איז געווען א דבר חידוש.

**הגר״מ** ביי דעם אויוועז גייט עס אויך אזוי מ׳לייגט עס אריין דא, און עס פארט ארויס אויף די אנדערע זייט.

**רבינו:** די חמץ׳דיגע בעקערי׳ם גייען אזוי.

**הגר״מ:** די מאשין מצות פון די עדה החרדית גייט אויך אויף דעם וועג.

**רבינו:** ביי ברויט אין חלות באקט זיך עס אויך אזוי, מ׳קען דאס זעהן, עס פארט אריין און עס פארט ארויס. ס׳איז אהנגעשטעלט דאס באקט זיך צום ביישפיל צוויי און צוואנציג מינוט, און דאס פינעף און צוואנציג מינוט.

---

[אגב כשהגיע לא״י גילה הבילגורייער רב ז״ל שזה שקראו לאסיפה לר׳ בערל פרענקל ז״ל היה בשליחותו של אחיו הקדוש המהר״א דהוא הבין שהרבנים ירצו להתיר קטניות ואילו ר׳ בערל בודאי יעמוד בפרץ נגד רעיון זה, על כן מצוה שיקראו אותו לבוא אל האסיפה].

כמו כן מסופר שבשעת מלחה״ע הראשונה שרר רעב גדול באוקריינא, ורב א׳ רצה להתיר אכילת קטניות בפסח של אותה שנה מפני הרעב, הוא כתב תשובה ארוכה אל ׳החפץ חיים׳ זצ״ל על התרת הקטניות, ולא עבר זמן מרובה ובא שליח מ׳החפץ חיים׳ ואמר לו ש׳החפץ חיים׳ מסכים עמו, ובשנה זו יכול להתיר קטניות כפי הנראה בעיניו.

לאחר זמן נפגש הגרש״י עם בנו של ה׳חפץ חיים׳ הגאון ר׳ לייב ז״ל ונוצרה ידידות ביניהם, וסיפר לו ר׳ לייב, שבשעה שבא מכתבו ל׳חפץ חיים׳ ישב לכתוב לו תשובה כדרכה של תורה, באמצע הפסיק ושלח על ידי שליח להודיע שהוא מסכים להיתר, ואמר החפץ חיים׳ לבני ביתו, רב זה צעיר לימים הוא, אם אכתוב לו תשובה, מסתמא ברבות הימים הוא יפרסמה, נמצא שהפסק שלי על הקטניות יהיה לדורות, וזאת אינני רוצה, לכן העדיף לשלוח שליח. ואכן לימים כשהיה הגרש״י מספר מעשה זה היה מוסיף, שאין כל ספק בדבר שאם היתה לו תשובה מהחפץ חיים׳ בוודאי שהיה מפרסמה.

ומן הראוי להעתיק מש״כ בס׳ אמרי דבש כדלהלן: הרה״צ מו״ה אהרן טייטלבוים שליט״א מטשענסקאוויץ שמע מפי אביו הגה״צ רבי יהושע חיים טייטלבוים זצ״ל מטשענסקאוויץ, שמקובל בידו שזקינו הגה״ק רבינו אלעזר ניסן טייטלבוים זי״ע אב״ד דראהביטש, התיר פעם אחת לבני עירו לאכול קטניות בפסח, מחמת בצורת אשר היה באותו שנה, ויהי בערב כאשר ניגש לערוך את הסדר, החלו כל העם לבוא לביתו בשאלות שונות ומשונות אשר אירעו להם, באופן שלא היה מעולם, ולא הספיק להתחיל את הסדר, ויאמר מה נשתנה הלילה הזה מכל לילות הפסח, אשר אינו יכול להסב לשולחן הסדר מכל ישראל, אין זה כי אם אות מן השמים על שהתרתי השנה קטניות בפסח.

**א׳ הנוכחים:** הייסט דאס אז די רבנים האוסרים איז נאר וועגן די וועלגער רעדל, נישט וועגן דעם אויוון?

**הגר״מ:** ניין, די רבנים האוסרים איז נישט געווען וועגן דעם, די תשובה וואס איז געווען פאר צעהן יאר צוריק, יעצט האט מען עס שוין געמאכט א אנדערן אופן. פאר צעהן יאר צוריק איז באמת געווען אז מ׳האט אריין געליגט א גרויסער טייגל און ס׳האט געמאכט כל מיני זאכן. דאס איז א אנדערע זאך אינגאנצן, ס׳האט זיך טאקע גבעויעט אויף די ערשטע, אבער מ׳ווערט היינט פרומער, היינט דער ציבור ווערט פרומער.

**רבינו:** אבער די אלטע איז דאך עכטע מאשין מצות.

**הגר״מ:** אויף די אלטע איז געווען א וויכוח, אבער דא מ׳קען פארשטיין אז ס׳איז אנדערש, דארט האט מען אריין געליגט א גרויסער טייג און ס׳האט ארויס געלאזט מצות, דא האט מען געמאכט אז יעדער וועלגערער דרייט מיט דעם איין מאל.

**רבינו:** כ׳פארשטיי דעם חילוק, כ׳פרעג אבער אויף די הוה אמינא פון די אלטע מאשין, ס׳איז דאך רעכטע מאשין מצות. וואס איז אנדערש?

**הגר״מ:** יא יא, אסאך האבן דאס געשריגן דעמאלטס, וואס איז דער אויפטוה, ווייל דאס איז פון לעקטער און דאס איז נישט פון לעקטער? אין די צייטן פונעם צאנזער רב איז אויך נישט געווען פון לעקטער.

**רבינו:** אוודאי, ווי אזוי האט געארבעט יענע מאשין? איינער האט עס געדרייט.[20]

**הגר״מ:** ס׳איז טאקע א וואונדער, אז מ׳קוקט היינט אין די קונטרסים ווי אזוי ס׳האט געארבעט, מ׳האט געדרייט א גרויסן טייג און ס׳איז געווארן אויסגעשפרייט די טייג אזוי לאנג ווי דעם טיש, און נאך אפאר מינוט וואס איז געווארן א גרויסע פלאכע פלאטע האט געמאכט דערפון רינדעכיגע מצות, נאכדעם האט מען גענומען די אלע איבעריגע און מ׳האט עס צוריק געלייגט פון אנהייב, און דאס איז עפ״י הלכה א גרויסער פראבלעם, ס׳איז טאקע געווען צווישן די מתירים גדולי עולם וואס האבן עס מתיר געווען, אבער ס׳איז א פלא.[21]

**רבינו:** יא, אזוי איז געווען, מ׳האט גענומען די איבעריגע שיריים און מ׳האט עס צוריק געלייגט און געמאכט פון דעם א פרישע מצה.

**הגר״מ:** הגם היינט די מאשין מצה, אוודאי די חסידים עסן נישט קיין מאשין מצה, אבער אין די עדה החרדית איז דא א הכשר אויף ביידע, פאר די ליטווישע וואס עסן יא די מצות, די פרושים, ס׳איז אבער געבויעט אז ס׳ארבייט זייער גיך, נישט אויף דעם אלטן סיסטעם, כ׳זאג נישט, מיר חסידים ווילן דאס נישט גיין עסן, אבער די ליטווישע שרייען אז ס׳איז נאך בעסער.

פון הרב פישער (הגאון הגדול רבי ישראל יעקב פישער זצ״ל ראב״ד העדה״ח) זאגט מען נאך – ער איז געווען אמאל באזוכן אין א חשוב׳ע בעקעריי אין ירושלים וואו מ׳האט געבאקן האנט מצות – האט ער געזאגט ׳עס איז שוין באלד אזוי גוט ווי די מאשין מצות...׳.

אבער למעשה ווערט מער און מער וואס זענען מקפיד צו עסן נאר האנט מצות, למשל הרב אלישיב אין די לעצטע יארן האט מקפיד געווען נישט צו עסן די דריי מצות ביים סדר נאר פון האנט מצות. עס ווערט אפילו ביי די גדולים א שטארקער שינוי אין דעם.

**רבינו:** דאהי איז עס אונטער געגאנגען, עס איז נישטא די אשכנז׳ישע אידן ווער ס׳זאל דאס עסן, אמאל איז דאך דא אויך געווען א בעקעריי פון מאשין מצות, היינט איז

---

**20** תמונות המאשין שהי׳ בימים ההם בלא לעקטער:



**21** תמונות המאשין מצות כהיום:



נישטא קיין קונים דערויף, ס'האט שוין נישט געלוינט צו האלטן דעם פאבריק.

**הגר"מ:** יעצט קען אפשר זיין אויך אז ס'פאלט אביסל, וועגן אלע בעקערייען וואס באקן עבודת יד מצות, אויב ס'איז נישט קיין חבורה נאר ס'איז סטאנדארט, איז עס גוטע מצות.

**רבינו:** דאהי איז עם די עזרת נשים, ערליכע נשים ארבעטן דא, היזיגע איינוואוינער'ס.

**הגר"מ:** איי ס'שטייט דאך נשים עצלניות הן? דאס איז סתם אזוי א קשיא, ס'שטייט אז נשים עצלניות, און מ'זעהט אז ווען מ'דארף קלויבן רייז וכדו' האבן זיי געדולד מער ווי די מענער.

**רבינו:** עצלניות מיינט אפשר לגבי טראכטן, נישט לגבי טוהן, און ס'איז דא נאך תירוצים.[22]

אבער אזוי איז דא ביי די מצות דאהי נאר נשים צדקניות, אלעם ערליכע, היזיגע איינוואוינער'ס.

ס'איז געווען א מדובר וועגן גריסע מיידלעך וואס קומען דא באקן, ביי וועלכע יאר מ'קען זיי שוין לאזן באקן.

**הגר"מ:** דער רבי געבט הוראות וועגן באקן? ס'איז דא הוראות כלליות?

**רבינו:** יא, אוודאי.

ס'הענגט דארט אויף די וואנט די הוראות.

**א' הנוכחים:** אין ירושלים באקט מען די ערב פסח מצות שוין פון פאר חצות?

**הגר"מ:** ניין, בדרך כלל זענען די חבורות נאר נאך חצות. קען זיין ביי די פאבריקן איז דא וואס באקן יא פריער, ווייס איך נישט.

**א' הנוכחים:** איינער האט אזוי געזאגט אז ס'איז דא אזעלכע וואס באקן פאר חצות.

**רבינו:** נישט דאס האט מען גערעדט, ווען דארט איז נאך פאר חצות טאר מען זיכער נישט, דער טור (סי' תנ"ח) ברענגט דאך אז ס'איז אסור.[23]

נאר איינער האט געזאגט, אז דאהי איז דא וואס באקן שוין ערב פסח פאר חצות, ווייל ס'איז דעמאלטס שוין אין ירושלים נאך חצות, און דאס איז דאך א זכר צום הקרבת הפסח במילא זאל מען קענען רעכענען אז מ'קוקט לויט חצות אין ירושלים, ס'איז דא וואס טוהן אזוי דאהי.[24]

אינטערעסאנט, דער זיידע ז"ל דער קדושת יו"ט פלעגט פאר זיך מקבל שבת זיין יעדן ערב שבת לויט די שקיעה פון ארץ ישראל.

דער קאמארנער (הגה"ק בעל היכל הברכה ז"ל) ברענגט אויך אזוי אין שלחן הטהור, און ער שרייבט אז ער אליינס

---

22 דהנה בירושלמי (עי' תוס' פסחים דף ד ע"ב ד"ה ימנוהו רבנן) איתא שנשים אינן נאמנות על בדיקת חמץ, משום שעצלניות הן ע"ש.

והקשו המפרשים, דמאידך מצינו במדרש (שמות רבה כח ב) עה"פ כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבית ישראל (שמות יט ג) שאמרו למה לנשים תחלה, שהן מזדרזות במצות'. חזינן דאדרבה נשים זריזות הנה במצוות, ומה טעם הכא בבדיקת חמץ אינן נאמנות. מטעם שעצלניות המה.

ויש שתירצו שנשים זריזות במצוות המוטלות עליהן אבל בבדיקת חמץ הן עצלות משום שהיא מצוה שאינה מוטלת עליהן אלא על בעל הבית אבל מסתבר שאם היא בעלת הבית והיא חייבת בבדיקה באופן זה פשוט שנאמנת כלפי עצמה.

ועיי' ביפה תואר על המדרש שתירץ שכאשר יש מצוה ודאית הן מזדרזות יותר מאנשים, וזו כוונת המדרש אבל בבדיקת חמץ הן מתעצלות, משום שהן סבורות שאין צורך בכך כיון שמניחות שלא ימצאו חמץ.

וכן משמע בסמ"ג (עשה לט) שכתב שאף שנשים נאמנות גם בדאורייתא, זהו בדבר שיודעות שהוא ודאי איסור, אבל בבדיקת חמץ סבורות שאין חמץ בחורים ובסדקים, ונמנעות מלבדוק מפני עצלותן.

אגב, יש לציין שהמאירי (פסחים ד. ד"ה ובתלמוד) ביאר שכוונת הירושלמי להיפך, שלא הוצרכנו להכשיר בדיקתן של נשים משום שהן עושות מלאכתן במתינות ובודקות בכל כוחן יפה יפה, ואינן טרודות בענינים אחרים. וכן מבואר ברבינו מנוח (חמץ ומצה פ"ב הי"ז), ובראבי"ה (סי' תכח).

23 בסימן תנ"ח הביא הטור מדברי הירושלמי לאסור להכין המצות לפני חצות של ערב פסח, משום שהוקש לקרבן פסח שאין זמנה כי אם בערב פסח לאחר חצות, והביא מתשובת הגאונים מעשה באחד שאפה מצות קודם ארבע שעות וכבר ביער חמצו, ואסרו רבותינו המצה משום דאיתקש לפסח, וכיון שפסח אינו נשחט אלא משש שעות ולמעלה אף מצה כן.

וכן דעת רש"י בספר הפרדס (סי' קכ"ט) שמה"ת אין יוצאין במצה שנאפית קודם חצות של ערב פסח, דמצה איתקש לקרבן פסח כדכ' על מצות ומרורים יאכלוהו וגו', וכמו דזמן עשיית קרבן פסח הוא בער"פ אחר חצות, ה"ה אפיית המצות דאין היקש למחצה. ובשבלי הלקט (סי' ר"ג) מביא משמו שעל כן אין לאפות אלא בער"פ אחר ו' ומחצה, וכ"כ במעשה רוקח לרבינו בעל הרוקח ז"ל (אות ל"ו) שאין לאפות בער"פ עד שעה ז' ומחצה שאז הי' זמן הקרבת הפסח.

אמנם הגר"א (שם) הוכיח שהבבלי חולק על הירושלמי והתוספתא, וכך דעת הרבה ראשונים.

24 כן מתאמרא בשם כ"ק בעל ויחי יוסף מפאפא ז"ל ועוד כמה פוסקים מדור הקודם, ובבית אופה דק"ק פאפא-צעהלים בברוקלין אכן מתחילין אפיית המצות מצוה בערב פסח משעות הבוקר מדין שהוא אחר חצות דאר"י.

להלן תצלום מההוראות כפי שנמסר לעובדי מלאכת הקודש ע"י הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א:

בעזהשי"ת

# די פליכטן פון א 'מצה בעקעריי' ארבייטער

געהערט געווארן ביי די 'דברי פתיחה' פאר אלע מיטארבעטערס אין די מצה בעקעריי

## ע"י הגה"צ הדומ"ץ שליט"א

### מלאכת הקודש - הייליגע ארבעט

איך וויל דא זאגן אפאר ווערטער פאר די אלע איינגעשטעלטע, די עוסקים בעבודת הקודש דא אין די מצה בעקערי. איך רוף עס אן '**עוסקים בעבודת הקודש**', כאטש ס'איז נישט קיין ישיבה, נישט קיין מלמדים, עס באקומט אבער א צונאמען '**עבודת הקודש**', ווייל זיי ארבעטן אן עבודה אויף קדושה, מ'ארבעט צוצושטעלן מצות אויפ'ן הייליגן יו"ט פסח.

### ושמרתם את המצות - אפהיטן די מצות

די תורה הקדושה זאגט אין פסוק, מען לערנט דאס אין פרשת בא, '**ושמרתם את המצות**', ווען מען באקט מצות אויף פסח, איז דא א חיוב אז עס דארף זיין א גאנצע צייט א שטארקע שמירה דערויף, ס'זאל ח"ו נישט צוקומען צו קיין חמץ.

### אחריות בין אדם לחבירו - כלפי די מענטשען

פארשטענדליך, די אלע וואס זיי ארבעטן ביי די ענין פון מצות, איז דא א געוואלדיגע אחריות. ס'איז נישט סתם אזוי מען ארבעט. אוודאי דארף יעדע ארבעטער זיין ערליך, ער דארף צו טון אלעס וואס מען דארף צו טון, קיינמאל נישט נאכלאזן, מ'דארף אייביג טון די ארבעט באמונה, און פאר דעם באצאלט מען איהם, דאס גייט אן איבעראל ביי יעדן איינעם, דאס איז נוגע בין אדם לחבירו, ער איז דאך אן איינגעשטעלטער ביי יענעם.

### אחריות בין אדם למקום - כלפי דעם אויבערשטען

אבער דא ביי מצות ליגט נאך א עקסטערע חוב אויף דעם ענין פון שמירה, א רוחניות'דיגע אחריות, א חוב וואס מ'זאל וויסן, אז אידן וואס גייען קויפן מצות פארלאזן זיך אויף איהם, און אז מען טוט דא אלע זהירות'ער אז מ'זאל ניצול ווערן, אז די מצות מצה זאל זיין כהלכתן מיט'ן גרעסטן מאס שמירה וואס ס'איז פארהאן.

דער וואס ארבעט ביי די מצות, ליגט אויף אים נאך א גרעסערע אחריות ווי איינער וואס ארבעט ביי אנדערע זאכן וואס איז נוגע צו כשרות. ביי אלע אנדערע זאכן איז דא הלכות אז אפילו ס'איז נישט געטון געווארן איינגאנצן אזוי, איז דא הלכות וואס בדיעבד איז מותר, ס'ווערט בטל, ס'איז דא אזוינע זאכן. **אבער ביי פסח איז גאר א אנדערע זאך, עס איז זייער א הארבע זאך, יעדער איינער ווייסט אז חמץ בפסח איז אפילו במשהו נישט בטל.**

ממילא ליגט א געוואלדיגע זהירות, די וואס זענען עוסק אין דעם עבודת הקודש, אז זיי זאלן מיט א געוואלדיגע זהירות אננעמען דעם עבודת הקודש, מיטן גאנצן ערענסקייט, און מען דארף עס פילן פאר א זכות אז מען קען מזכה זיין אזויפיל אנדערע אידן צום הייליגן יום טוב פסח, אז זיי זאלן קענען מקיים זיין מצות מצה אזוי ווי ס'ברויך צו זיין.

### די מהודר'דיגע השגחה אין די מצה בעקעריי

בכלליות וויל איך זאגן, די השגחה פון די בעקעריי איז ווי פארשטענדליך אונטער די כסדר'דיגע הוראות און אנווייזונגען והנהגות פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, איך קום זיך כסדר אומקוקן וויפיהל ס'איז מיר מעגליך, און ס'טראגט מיין אחריות.

ווי פארשטענדליך איז אוממעגליך פאר מיר און פארן רבי'ן זאל זיין געזונט צו זיין דא אגאנצן טאג, דעריבער האט מען געשטעלט א חשובער משגיח, הרב ר' **אהרן מתתי' מערמלשטיין** שליט"א, א משגיח א גרויסער ירא שמים, זייער אן ערליכער. - אלע ארבייטערס דארפן וויסן, אז ער איז דער משגיח פון די קהילה, פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, און פון מיר. - און וואס ער זאגט, דארף מען זעהן אויסצופאלגן, סיי ווי אזוי, אז ס'גוט, און פארקערט אויך.

### זהירות פון ווארימקייט

במשך די גאנצע 18 מינוט זאל מען זיכער מאכן אויף יעדן אופן אז די טייג זאל נישט ווערן ווארעם, ווייל אויב עס ווערט ווארעם, איז א חשש אפילו בעפאר 18 מינוט.

די וואס טראגן אריין די מצות צום אויוון, דארפן נזהר זיין צו שטיין ווייט פונעם אויוון. מ'זאל קיינמאל נישט אריינגיין אין שטוב, בעפאר ס'איז נישט גרייט אריינצוגיין אין אויוון. ס'מאכט זייער ערנסטע שאלות טאמער מ'שטייט וואו ס'איז ווארעם, אפילו פאר די 18 מינוט. ס'איז דער אחריות פונעם אריינטראגער און דער שיבער אכטונג צו געבן דערויף.

אזוי אויך בכלליות, איינער פילט אינמיטן די ארבעט פאר סיי וואסערע סיבה, אז די הענט איז איהם הייס געווארן, דארף מען זיך איבערוואשן מיט קאלט וואסער.

### 'אלעס וואס איך טוה זאל זיין לשם מצות מצוה'

אזוי ווי מיר האבן אנגעהויבן דאס ענין פון שמירה שטייט דאך אין פסוק '**ושמרתם את המצות**', מצות דארף האבן כסדר שמירה, ס'הייבט זיך אן פון די קצירה, און אוודאי בשעת'ן מאלן, ביים קנעטן, און ביים באקן, דעמאלטס איז דא די עיקר חיוב שמירה.

מ'זאל זיך אין דעם מתבונן זיין, ווען מען וועט זעהן וואסערע אחריות ס'ליגט אויף די ארבייטערס, די אלע הנהגות וואס מ'האט איינגעפירט, איז כדי ס'זאל זיין די ריכטיגע שמירה, מען דארף זעהן אז אלע אזהרות וואס מען פארלאנגט, אויסצופירן אויפ'ן שטרענגסטן אופן.

אין דעם ליגט אויך דער ענין פון '**מצות צריכות כוונה**', א מענטש ווערט צוגעוואינט צו וואס ער טוט, און ער געדענקט נישט אז מען דארף אינזינען האבן, אז מען ארבייט מיט די כוונה פון 'שמירה' פאר די מצוה פון 'ושמרתם את המצות'.

דעריבער דארף מען יעדן טאג און כסדר ארויסזאגן: '**אלעס וואס איך טוה היינט זאל זיין לשם מצות מצוה**'.

### פארשידענע זהירות וואס אכטונג צו געבן

פאר מען הייבט אן די ארבעט דארף אלע ארבעטערס סיי די מענער און סיי די פרויען, צו וויסן אלע זאכן וואס מ'דארף געווארנט זיין.

א - מ'טאר נישט האבן אויף די האנט גארנישט, ווי צום ביי שפיל א זייגער וכדומה.

ב - רעדן אויפ'ן סעלפאן איז דאך נישטא וואס צו רעדן אז מען טאר נישט, נאר אפילו ארויסנעמען דעם סעלפאן אינמיטן די ארבעט טאר מען נישט. מען קען קיינמאל נישט וויסן, אפשר איז דארט עפעס אנגעקלעבט.

ג - אכצן מינוט פון ווען מען האט אריינגעלייגט דאס וואסער, קען ווערן די טייג חמץ, איז וועגן דעם איינגעפירט די סיסטעם אז יעדע 17 און א האלב מינוט ווערט שוין אלעס איבערגעטוישט.

ד - פאר מען הייבט אן צו ארבעטן, ברויך מען זיך גוט ארומוואשן די הענט, אזוי אויך צווישן איין טיש און צווייטן. קיינמאל זיך נישט אפוואשן מיט קיין הייס וואסער, ווייל די הענט ווערט אנגעווארעמט.

יעדער דארף זיך קודם אליין גוט באקוקן די הענט אויב ער איז טאקע אינגאנצן זויבער, ער דארף אליין זיין די גרעסטע משגיח, מען זאל זיך נישט פארלאזן אז ס'איז דא א משגיח. דערנאך ווייזט מען דאס פארן משגיח. אויב ער איז נישט צופרידן, דארף מען זיך איבערוואשן.

ה - איידערן אנהויבן ארבייטן דארף די הענט זיין גוט אפגעטרוקענט פון אלע פרעמדע פליסיקייטן וואס קען זיין א פראבלעם פאר די טייג. עס טאר נישט אריינקומען קיין שום אנדערע פליסיקייט אויסער די מים שלנו, אינדעם איז אריינגערעכנט 'שפייעכץ' 'שווייס' אדער 'בלוט'.

**דעריבער דארף מען אכט געבן נישט רעדן אינמיטן די ארבעט און דורכדעם ארויסלאזן שפייעכץ, נאר רעדן ווי ווייניגער.**

אויב קומט בלוט פון די הענט זאל מען לייגן א 'בענדיטש', און דאס טוישן יעדע 18 מינוט, צום נייעם טיש.

ו - בשעת'ן ארבעטן טוט מען זיך אן דעם ווייסן כאלאטל/שירצל, מיט דעם טאר מען נישט ארויסגיין ערגעץ אנדערש ווי אין די בעקעריי.

ז - יעדער ווער ס'ארבעט מיט די טייג, סיי מענער און סיי פרויען, דארפן אכטונג געבן אז די ערמל אפילו פון די ווייסע זויבערע קליידער און אוודאי נישט פון די חמצדיגע קליידער, זאל קיינמאל נישט צורירן צו קיין טייג, מען קען קיינמאל נישט וויסן צו ס'איז עפעס אנגעקלעבט דארט פונעם פריערדיגן טיש.

ח - אויב א טייגל האט אנגערירט די בגדים אדער אנדערע זאכן, פאר מען נוצט ווייטער דעם טייגל זאל מען פרעגן דעם משגיח צו מ'זאל אראפווארפן דעם טייגל.

ט - מ'דארף פרובירן צו 'ארבייטן' מיטן טייג פון נאכן קנעטן ביז ווען עס קומט אריין אין אויוון. 'גלעטן' א טייג סתם אזוי הייסט נישט געארבייט, אדרבה ס'מאכטווארעם די טייג.

אוודאי איז בעסער נישט צו נעמען מערערע טייגלעך אויפאיינמאל, עס קען אויסקומען ס'זאל ליגן צו לאנג אן ארבעטן דערמיט.

*אין איין ווארט:*

**אלע ארבייטערס דא אין די מצה בעקעריי זענען שלוחי מצוה, עוסקים במלאכת הקודש, מען דארף אכט געבן אז די מצות זאלן זיין בתכלית הכשרות און די מערסטע מהודר. און ווי מ'האט גערעדט אנפאנג, זעהן אויסצופאלגן אלע זהירות, דאס איז די שמירה וואס יעדער ארבעטער דא אין די בעקעריי איז מחיוב צו טוהן.**

**די אלע ארבעטערס דא דארפן האלטן פאר א געוואלדיגע זכות און זכיה, אז זיי זענען זוכה צו די הייליגע ארבעט, פון העלפן צוצוגרייטן פאר אזוי פיל אידן מקיים זיין די מצות מצה אינעם הייליגן יום טוב פסח.**

**איך וואונטש ענק אלע ברכה מיט הצלחה, דער אייבערשטער זאל ענק העלפן, אין זכות פון די עבודת הקודש, זאלטס עטס האבן הצלחה אין אלעם, נחת פון די קינדער און אייניקלעך, מיט אלע ישועות ורפואות, ביז מען וועט זוכה זיין צו ביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו בב"א.**

טוהט אויך אזוי.[25] ער איז מקבל שבת פריער, וראוי לבעל נפש מקבל שבת זיין לויט די שקיעה פון ארץ ישראל.

**הגר"מ:** אבער דאס איז קלאר אז מ'דארף עומד זיין אויף די וואס באקן, זיי זאלן האלטן אלע הוראות.

**רבינו:** יא אודאי, ס'איז דא א משגיח וואס שטייט א גאנצע צייט דארט. דער פעטער ז"ל האט געשריבן די הוראות, לייגט ער א גרויסן דגוש אויף דעם.[26]

**הגר"מ:** ביי אונז אין ירושלים אין די בעקערייען איז זייער שווער, מ'דארף עומד זיין על המשמר, ספעציעל ביי די חבורות....

**רבינו:** מ'געט זייער אכטונג ביי אונז דא, זיי זענען ערליכע משגיחים.[27]

ס'איז שוין אביסל שפעט דער זייגער יעצט, ווען ס'וואלט געווען אביסל פריער אין טאג וואלט איך געקענט ווייזן די שחיטה מיט די בעקעריי.

**הגר"מ:** זונטאג שחט מען?

**רבינו:** יא, דאהי שחט מען זונטאג.

**הגר"מ:** כ'בין געווען מיט מיין טאטן (הגאון הגדול בעל שו"ת קנה בושם ז"ל וחבר הבד"צ דהעדה"ח) ביי די שחיטה דא מיט דריי און צוואנציג יאר צוריק, ער האט דאס מורא'דיג מפליא געווען.

**רבינו:** יא איך געדענק, אבער ב"ה זייט דעמאלטס איז שוין נאך אסאך זאכן נשתנה געווארן למעליותא.

**הגר"מ:** ס'איז נאך געווען אויף א קליינעם פארנעם. כ'געדענק אז דער רבי האט געזאגט דעמאלטס אויף עפעס אן ענין אז דאס געפעלט מיר נישט און ווען כ'וועל קענען וועל איך עס מתקן זיין, מן הסתם האט דאס שוין דער רבי איבער געדרייט. כ'געדענק שוין נישט וואס ס'איז געווען דעמאלטס דער נושא.

**רבינו:** יא, איך געדענק, ס'איז געהאנגען דעמאלטס ביים זאלצן, היינט ליגט עס אויפן טיש, היינט פארט עס אזוי.

**הגר"מ:** אזוי האט דער רבי געזאגט, די זאך שמעקט מיר נישט כ'וועל עס נאך טוישן. פון יענע מאל ביז היינט האט שוין דער רבי געטוהן אסאך גוטע זאכן.

**רבינו:** געלויבט השי"ת, ס'איז זייער שיין היינט די שחיטה,

און בכלל, ס'זאלצן נאר אידן.[28]

**הגר"מ:** אזוי!? כ'האב פונקט געטראכט צי דאס איז א הידור, איינער האט מיר געוואלט זאגן א סברא אז אפשר ווער זאגט אז ס'איז א הידור?, עס דארף זיין א עומד על גביו, א איד איז אמאל א אויבער הכם ווייל ער קען נאך אמאל לערנען טוט ער אנדערש ווי מ'הייסט אים.

**רבינו:** א איד א ירא שמים פאלגט וואס מ'הייסט אים, דער גוי איז א אויבער חכם, פארדעם דארף ער א עומד על גביו.

**הגר"מ:** דער ענין פון די שחיטה מיט די סטענדער – דא שחט מען אויף א סטענדער – ס'איז א מעלה? ס'איז דא וואס זאגן אז יא, און אנדערע זאגן נישט אזוי...

**רבינו:** די מעלה איז אז דער שוחט ווערט נישט אזוי מיד. ווען דער שוחט נעמט דעם עוף אין די האנט ווערט

---

25 ע' בשולחן הטהור סי' רס"א, וזה לשו"ק: "מנהג הקדושים והצדיקים, ובימים הקדמונים הי' זה מנה כל חכמי ישראל, לדקדק בזמן שקיעת החמה של ארץ ישראל והוא בימי הקיץ בימים ארוכים שבמדינות אלו שקיעת החמה שתי שעות אחר עבור שעות היום שהוא 'אכט' [שעה שמונה] ובארץ ישראל שוקעת החמה זייגער זיבן [שעה שבע] של הזייגערס במדנות הללו, ולערך ארבעים מינוט על זייגער אכט כבר לילה גמור בארץ ישראל, ולכן מן הראוי לכל מי שיראת ה' נוגעת בלבבו ומרגיש קדושת שבת לבל יעשה מלאכה קטנה וגדולה בימי הקיץ אחר א פערטיל אויף אכט ובימי החורף להיפוך שקיעת החמה בארץ ישראל בימים היותר קצרים זייגער פינעף ואסור לעשות מלאכה במוצש"ק עד אחר זייגער זעקס וכך ראוי לבעל נפש, והנזהר מזה לא יראה פני גיהנם, וכך מנהג העני הזה מעודי עד היום הזה.

וע"ע מה שכתוב שם בסי' רמ"ב (בזר זהב) בזה"ל: וזכי הנפש יראי ה' יזהרו בהנהגות שבת כפי השקיעה שנשקע החמה בירושלים, הן בערב שבת והן במוצאי שבת ואשרי לו בזה ובבא, אמן.

26 ע' בשו"ת דברי יואל או"ח סי' קס"ג, הוראות רביז"ל לאפיית המצות, (אות כ"ט) וז"ל: כל העשיות שבהמצות וגם שאיבת המים והבאת הקמח והמים לבית האופה והכשר התנור וכל הדברים הנוגעים להכשר המצות מתחלה ועד סוף, יהיו נעשים רק ע"י משגיח על כל פרט ופרט ולא זולתו. ואין צריך לומר שלא להתחיל לאפות קודם ביאת המשגיח, ולא יהא על המשגיח שום עבודה אחרת, ועבודתו יהי' רק השגחתו על הכל שיהי' נעשה בהכשר ויתרון עפ"י דתוה"ק.

27 ע' שם מה שכתוב רביז"ל (אות ל"א) וז"ל: המשגיח יהי' איש אשר רוח בו ירא וחרד לדבר ה' שלא יהא נקל בעיניו שום פרט מהאזהרות, ויוכל לצאת ולבוא ולהשגיח בעין ביקורת בלי ליאות ועייפות ולא יתעצל בשום דבר.

28 ע' דרכ"ת (סי' ס"ט ס"ק קס"ה) בשם הגאון הסמ"ע שכ' יש ליזהר לכתחילה שישרו וימלחו הבשר ע"י ישראל דוקא ולא ע"י שפחותיהן העכו"ם עיי"ש, והעתיקו הבית לחם יהודא (סקמ"ו) מתקנת וועד ארבע ארצות.

ער שנעל מיד, דא ווערט ער נישט מיד, ס'איז אים גרינגער די ארבעט, פיזיש.

**הגר"מ:** אודאי, און אז ער ווערט מיד פארלירט די הענט דער כח צו שחט'ן געהעריג.

**רבינו:** ער דארף נעמען דעם עוף אין די האנט, קאנטראלירן דעם עוף.

ס'איז געווען דא א שוחט וואס האט געזאגט אז ווען ער שחט אין די האנט, ווערט אים די האנט ממש שטייף.

למעשה ביי אונז איז אזוי, דער גוי האלט אים צו, עס ליגט אזוי אויפן סטענדער, ער דארף נאר מאכן די מעשה השחיטה, איז עס אסאך גרינגער. צו שחט'ן א שעה אין איין צי אזוי איז נישט קיין פראבלעם.

**הגר"מ:** ער שטרענגט זיך נישט איבער.

**רבינו:** ער דארף נאר מאכן די תפיסה, שחט'ן, תקיפת אגודל, זעהן צי ער האט גוט גע'שחט'ן. עס שטייען געווענג גוים, איינער נעמט עס ארויס, איינער האלט עס, און ער געט עס איבער פאר א צווייטן, אזוי אז דער שוחט קען שחט'ן רוהיג און ער דארף נישט ווערן אפגעמוטשעט.

*

**רבינו:** ס'איז אינטערעסאנט צו הערן, אויב איר האט אמאל געהערט אן הוראה פון אייער טאטן ווענגן א קינד וואס איז נישט גע'מל'ט געהעריג, און אין א קימפעטארן היים קענען זיי דאס באמערקן, צי מ'דארף פרעגן דעם טאטן'ס רשות צו פאררעכטן, איר האט אמאל עפעס געהערט פון אים דערוועגן?

ס'האט זיך אמאל געמאכט אין א קימפעטארן היים א אינטערסאנטע שאלה, מ'האט געברענגט א קינד נאכן ברית, און ס'איז דא א מוהל אויפן פלאץ, וואס האט געזעהן אז עס דארף א תיקון עפ"י הלכה, איז ער געגאנגען מדעת עצמו און האט פאררעכטן, ער האט נישט געפרעגט דעם טאטן, איז די שאלה צי מ'קען עס טאקע מאכן אליינ'ס אן צו פרעגן פונעם טאטן, ס'איז דאך א מצוה אויפן טאטן (קידושין כט.) מ'קען נישט מל זיין שלא מדעתו (שו"ע יו"ד סי' רס"א ברמ"א).

דאס איז זיכער וואס ס'איז געטוהן איז שוין געטוהן,[29] נאר די שאלה איז אז ס'קומט נאכאמאל אזא מעשה, צי מעג מען אזוי טוהן, אדער נישט.

**הגר"מ:** ווענגן דעם האב איך נישט געהערט פון מיין טאטן, אבער לעצטנס האב איך געזעהן אן אנדערע אינטערסאנטע חידוש, מיין טאטע האט א פנקס קנה בושם וואס איז נאכנישט געדרוקט, אזעלכע קליינע תשובות וואס ער האט פאר זיך פארשריבן, ברענגט ער דארטן אז מ'האט אים געפרעגט ווענגן א איד וואס מ'האט נישט גע'מל'ט און ער איז אוועק פון דעם עולם אזוי נישט גע'מל'ט שוין אלץ א גרויסער מענטש, האט ער גע'פסק'נט אז מ'זאל אים באגראבן אהן מל'ן, דאס וואס ס'שטייט אז מ'דארף מל'ן דאס איז נאר א תינוק, מ'זעהט סיי אין הלכות מילה און סיי אין הלכות אבילות אז דוקא א תינוק,[30] אבער א גדול נישט, ס'איז א חידוש.

**רבינו:** עס קומט פאהר קינדער וואס זענען געמל'ט דורך נישט קיין גוטע מוהלים.

**הגר"מ:** דאס האב איך מיטגעהאלטן, אמאל האט מיין טאטע ז"ל פאררעכטן פאר א קינד א יאר נאכ'ן ברית, און ער האט געמאכט א ברכה מיט 'ויברך דוד' ברוך אתה ה' אלוקי ישראל וכו'. ער האט געזאגט אז דער פתחי תשובה ברענגט אזוי אין הלכות חלה.[31]

---

29 כ"מ בכל ד' הפוסקים שעל הנימול שלא מדעת אביו אין שאלה על כשרות המילה גופא, ועיי' בשו"ת מהר"ם שיק (סי' רל"ד) דבמצות מילה יש ב' מצות נפרדים, מצות מילה, והמצוה מוטלת על האב, ואם א' מל התינוק בלי שליחות האב ג"כ נתקיים המצוה ונעשה כהלכתה, רק מצוה שמוטל בפרטות על האב למול את בנו 'הוא מצוה בפ"ע', וע"ז צריך שליחות ובלי מצות האב לא נתקיימה מצוה זאת, ולא יקרא על שם האב.

30 כ"כ בשו"ע יו"ד (סי' רסג ס"ה) וז"ל: תינוק שמת קודם שיגיע להיות בן ח', מלין אותו על קברו בצור או בקנה, ואין מברכין על המילה, אבל משימים לו שם לזכר שירחמוהו השמים ויחיה בתחיית המתים, וכ"כ בסי' (שנג ס"ו).

ובבית יוסף (סי' רסג) כתב בשם ספר כלבו דטעם המילה לתינוק שמת להסיר חרפתו ממנו שלא יקבר בערלתו, כי חרפה היא לו.

ושוב כתב בשם הגהות מיימוניות (פ"א מהל' מילה אות י) דמה שנהגו להשים הערלה בחול, הוא משום תקנת הפושעים דאמרינן בבראשית רבה (עי' פמ"ח ז) שהקב"ה מעביר את הערלה מן הקטנים שמתו ולא מלו, ונותנן על פושעי ישראל.

ובס' נודע ביהודה (קמא או"ח סי' טז) כתב דשני טעמים הם, דדעת הכלבו הנ"ל דהסרת הערלה הוא משום כבודו של תינוק, וד' הגהמ"י ראין זה אלא משום תקנת הפושעים, ואגב עיי"ש שכ' נפקא מינה להלכה בתינוק שידוע שכלו לו חדשיו או שחי ל' יום דמותר לקברו ביו"ט שני, ועדיין לא נימול, אם מותר למולו ביו"ט.

31 כ"כ הרב פרי תבואה הביאו הפתחי תשובה (ביו"ד ס שכ"ח סק"ג) שקיבל מרבותיו שבכל מקום ספק, יאמר פסוקי ויברך דוד בא"י אלקי ישראל לך ה' הממלכה, שהרי יש בזה שם ומלכות, ואח"כ יסיים אשר רצונו להפריש חלה וכו'.

**רבינו:** דער חתם סופר דערמאנט עס אויך אין א תשובה.[32]

אבער עס איז שוין פארגעקומען און מ'האט געדארפט מאכן א ברכה, אזוי האט מיר א מוהל געזאגט. נישט יעדער קען זיין א מוהל און מ'מל'ט און ס'טויג נישט.

*

**הגר"מ:** כ'האב יעצט געהאט – כ'ווייס נישט צי דער רבי האט מיטגעהאלטן – אין בית שמש איז געווען א מדובר וועגן ווען מ'זאל ליינען די מגילה.

**רבינו:** כ'האב געהערט אז ס'איז געווען מדובר דערוועגן צי מ'זאל ליינען י"ד צי ט"ו, און מ'האט גע'פסק'נט מ'זאל ליינען י"ד.

**הגר"מ:** איך האב געשריבן אויף דעם מ'זאל אויך ליינען ט"ו לחומרא, ווייל ס'איז דאך אויך דא די מעשה פונעם סאטמאר'ער רב אין ירושלים.

**רבינו:** ס'איז געווען דעמאלטס ווען מ'האט נישט געליינט אין די אלטע שטאטס'האבן דארט נישט געוואוינט קיין שומרי תורה ומצוות א לאנגע צייט.

[ובנת תשכ"ח בחודש סיון אחר מלחמת הציונים היתה שוב מיושב עם כמה מבנ"י].[33]

---

אמנם עיין בליקוטי הערות על תשו' החת"ס (שם) הביא דבחי' הגרי"פ על הרס"ג (ה"ג דרכ"ז) תמה טובא דזה רק דין בדיעבד לצאת עי"ז מידי ברכה לבטלה, ולא לכתחילה,

ובפרט דהכא דהוא בא לשנות פסוק מצורתו, מנ"ל להתיר זאת, וכן הביא לפקפק עלה בשם השד"ח (אס"ד מער ביהכ"נ אות יב), והוסיף דטפי עדיף לומר כלשון הכתוב בא"י אלוקי ישראל מלך העולם... או לסיים הכל כלשון הכתוב אלוקי ישראל לך ה' הגדולה והממלכה... עיי"ש. אולם במנחת יצחק (שם) מצדד דא"צ לסיים בסיפא דקרא לך ה' הממלכה וגו', ורק אח"כ להוסיף הברכה וכו', ואין זה בכלל כל פסוק דלא פסקי' משה (מגילה כב.) עיי"ש. ובסו"ד מסיים המנחת יצחק דמי שלבו נוקפו על ענין הברכה יהרהר אותה בלבו.

32 כ"כ החתם סופר בשו"ת (או"ח סי' קנ"ו) מה שסיפר לו רבו אלוף נעורו הרב הגדול ר' מענדל לוליג ז"ל מפראנקפורט בשם רבו הגאון ר' דוד שטרויז ז"ל אבד"ק פארדא, כי בכדי לצאת שיטת היעב"ץ שמי שנתעלה לרבנות יש לברך שהחיינו אם כוונתו לש"ש, ויען הי' שמו דוד, התחיל ויברך דוד את ה' לעיני כל הקהל, ויאמר דוד בא"י אמ"ה שהחיינו וכו', ע"ש..

33 בס' המאזרינו חי"ל מהרב החסיד המפו' ר' ליפא שווארץ ז"ל (מדור הסיפורים) מתאר את כל הענין באריכות, וז"ל שם: "בשנת תשכ"ג לפ"ק נתעוררו כמה תלמידי חכמים שלכאורה מכיון דבעיר העתיקה אינם נמצאים עשרה בטלנים משום שלא דרך אז רגל ישראל בעיר העתיקה בין החומות, אם כן על פי הלכה מחוייבין לקרות בה ביום י"ד ולא ביום ט"ו כנהוג מאז ומקדם, והביד"צ ובראשם הראב"ד הגאון ר' פנחס עפשטיין זצ"ל סברו שאין שחר לדבר ולא יחושו כלל לזה מכיון שהוא סמוך ונראה לעיר העתיקה שמוקף חומה ולכן יקראו את המגילה ביום ט"ו כנהוג. ואז פנה הגה"צ מסטראפקוב זצ"ל לרבינו שכיהן כגאב"ד עיה"ק ירושלים, לחוות דעתו בנידון זה, אולם רבינו לא רצה להשיב אותו דבר, כיון שהרבנים הגאונים חברי הביד"צ גילו דעתם שאין לחוש לטענה זו ויקראו את המגילה כמימים ימימה, ואמר לו רבינו שרק אם הגה"צ רבי משה אריה פריינד זצ"ל ראש ישיבתינו הק' בעיה"ק ירושלים [ולימים גאב"ד ירושת"ו] ישלח לו מכתב שאלה על דבר זה, אז יחווה דעתו בזה, אולם הרמ"א פריינד לא שלח עדיין אז לרבינו לשאול את חוות דעתו הק'. בשנת תשכ"ה כאשר הגיע רבינו לבקר בתוכבי ארצינו הקדושה, ובזמן שהותו בעיה"ק ירושלים היה מדובר בביתו נאוה קודש בענין הנזכר, ונענה רבינו ואמר להנוכחים שהיו אז עמו במחיצתו, שדעתו הוא שיקראו את המגילה גם ביום י"ד בלי ברכה.

ובשנת תשכ"ז לפ"ק קודם ימי הפורים באתי לאמעריקא להסתופף בצל הקודש, ונכנסתי אל הקודש פנימה לקבלת שלום, נענה רבינו ואמר לי "ביסט פונקט גוט אנגעקומען", ושאלתי לרבינו על פשר הדבר מה היום מיומיים, אמר לי רבינו שהגיע כעת שאלה להלכה מאת הרמ"א פריינד [זצ"ל, הנ"ל] כדת מה לעשות בנוגע קריאת המגילה בירושלים בט"ו דמוקפין, וברצוני שתשוב תיכף ומיד לארץ ישראל למסור דעתי להביד"ץ דשם.

אולם הפצרתי מאוד מרבינו שברצוני להשאר לחסות בצל קדשו, וגם המשב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל עמד לימיני, ואמר לרבינו "קוים קומט ער צום רבי'ן און שוין שיקט אים דער רבי אהיים", נענה רבינו ואמר לי "אויב ווילסטו אזוי שטארק בלייבן קום אריין מארגן נאכן דאווענען", למחרת היום התפלל רבינו כדרכו בשעה מאוחרת, ואחר התפילה הלכתי ללוות את רבינו מבית המדרש עד ביתו נאוה קודש, ועל אם הדרך שוחחנו ביחד בנידון הנזכר. ובבואינו אל הקודש נכנסנו לחדר הספרים של רבינו, טיפס רבינו ועלה על הסולם והוריד ספרי הראשונים ונתנם לי וציוה לי ללמוד הדק היטב כל הסוגיה על בוריו עם הראשונים, ובלשונו "מאך דיר קלאר אין די גאנצע סוגיא אין דעמאלטס וועל מיר קענען שמועסן און מפלפל זיין", ...עסקתי בלימוד כל הסוגיא, וכאשר סיימתי חזרתי לבית רבינו, ...תוכן שיחתינו היתה לברר שיטות של כל הראשונים בדברי הירושלמי שאמר "בה אין קורין ובחוץ לארץ קורין", אם הוא בלשון בתמיה או בלשון ניחותא, וכן דיברנו מגבולות החומה, ודעתו של רבינו היתה נוטה לומר שהישוב הנמצא כעת תוך החומה הוא העיר ירושלים, והשאר נקרא חוצה לה, ולבסוף אמר לי חוות דעתו להלכה שיקראו את המגילה ביום י"ד עם ברכה, אך רבינו לא רצה לכתוב תשובתו בעצמו מפני כבוד הביד"ץ, רק ציוה לי לכתוב להרמ"א פריינד כפי אשר מפיו יקרא, ערכתי את המכתב כפי שציוה לי רבינו.

באותו לילה אחר תפילת מעריב פגשתי בבית המדרש את כ"ק רבינו [בעל ברך משה] שכיהן אז כאבדק"ק סיגעט, וסיפרתי לו תוכן השיחה שדברתי עם רבינו, שבתחילה היה רצונו הטהור של רבינו שאחזור לירושלים למסור חוות דעתו בעל פה לחברי הבד"ץ, ואחר הפצרתי המרובה שרצוני לישאר במחיצת רבינו, ציוה לי לערוך מכתב תשובה להרמ"א פריינד שדעתו הוא שיקראו ביום י"ד עם ברכה, אולם רבינו חשש על כבודו של דודו מרן רבינו ולכן רצה שרבינו לא יחווה דעתו

**הגר"מ:** ס'איז אן אינטערסאנטער חידוש דאס, לויטן חזון איש איז פשוט אזוי, מ'האט געטראפן 'תל ירמות' הייסט דער פלאץ, און מ'זאגט אז דארט איז געווען א ישוב פון די ערי יהודה.[34] וואס ווערט שוין געברענגט אין תנ"ך.

בענין זה נגד דעת גאוני ירושלים חברי הבד"ץ ובראשם הראב"ד רבי פנחס עפשטיין זצ"ל, וביקש ממני להתלוות אליו אל רבינו לדבר עוד איתו בענין זה, אני התחמקתי כי לא רציתי ללכת איתו לדבר עם רבינו עוד בענין זה, רבינו נכנס בעצמו לדבר עם דודו מרן הק', ומעבר לדלת שמעתי המשא ומתן של הלכה שביניהם בריתחא דאורייתא, ואחר כך יצא רבינו מן הקודש ואמר לי שרבינו עומד איתן בדעתו שאכתוב מכתב תשובה להרמ"א פריינד, שאנשי שלומו יקראו את המגילה ביום י"ד עם ברכה בחשאי ולא בפרהסיא, וביום ט"ו יהיה שליח הביד"צ שיוציא את כל הקהל בקריאת המגילה. (ואכן תשובה זו נדפסה במילואו שם בס' המאזרינו חיל בסוף חלק ד' במדור הסוגיות).

וז"ל התשובה שכתב: מכתב כתה"ר בענין המגילה, הגיע ליד כ"ק מרן שליט"א ונשא ונתן הרבה בענין זה, וגם מסר המכתב לידי לעיין בו, ואחר מו"מ בהענין, החליט כ"ק מרן שליט"א להשיב על ידי, שלא רצה לכתוב בעצמו כמובן.

ואחרי שמאריך לפלפל בענין זה, מסיים בזה"ל: ומכל הנ"ל דעת קדשו של רבינו שליט"א שמידי ספיקא לא נפקא, ומבואר בהדיא בשו"ע סימן תרפ"ח ס"ד, דבספק קורין בי"ד ובט"ו, ולא יברך כי אם בי"ד שהוא זמן קריאה לרוב העולם, עיי"ש.

ומעתה כפי שידוע לכתה"ר, שכ"ק מרן שליט"א אינו רוצה לצאת נגד הביד"צ בפרהסיא בריש גלי, ולכן דעת קדשו שכל אחד מאנ"ש יקרא לעצמו בביתו בי"ד, ובט"ו יחזרו אחר בעל קורא שמחזיק עצמו לפסק הביד"צ ואינו קורא רק בט"ו והוא יברך ויקרא בבית מדרשינו, והעיקר שלא לעשות רעש מזה כמובן ודי ברמיזא לחכם כמותו שזהו רצון כ"ק מרן שליט"א. והנני בזה ידידו ודושה"ט באה"ר ובלונ"ח, הנני' יו"ט ליפא שווארץ. [עיי"ש עוד כמה פרטים].

34 לתועלת המעיינים נציג כאן צדדי הספק שהיה בשנים קדמוניות בעיר בית שמש, ובתקופה האחרונה אחרי שנתגלו בחפירות בתים עתיקים נתרבה השאלה ביותר.

דהנה בספר יהושע מצינו שבעת שכבש יהושע את הארץ היו שם שלש עיירות שנקראו על שם בית שמש, א. בנחלת שבט יהודה (יהושע טו, י), ב. בנחלת שבט יששכר (יהושע יט, כב), ג. בנחלת שבט נפתלי (יהושע יט, לח), ומלבד אלו מצינו גם עיר בית שמש בארץ מצרים (ירמיה מג, יג).

ועוד ידוע שבמקום שנבנתה העיר בית שמש לאחר שנת תש"ח, היה במשך מאות בשנים מושב של ערבים אשר היה נקרא 'עין שמש', [ובלשון הערבים 'עין שמס'] ומופיע גם כן במפת ארץ ישראל אשר נכתבה בשנת תר"מ, וגרו שם הערבים עד שנת תש"ח שאז פסקה הישוב, וכהיום נמצא שם תל ארכיאולוגי, ונקרא 'תל בית שמש', והמקום נמצא בסמוך ממש לשכונות החדשות שנבנו בשנים

**רבינו:** אין תנ"ך מיינט איר ביי די ערי יהודה שטייט בית שמש?[35]

**הגר"מ:** יא, דאס האט מען געטראפן אין רמת בית שמש ד', ס'איז אביסל ווייטער פון בית שמש, דארט איז דא א אלטע שטאט מיט א חומה.

**רבינו:** מ'האט געטראפן א חומה?

**הגר"מ:** יא, כ'בין געווען דארטן, מ'האט מיך גערופן קוקן. די רבנים האבן מורא געהאט אריין צו גיין אין דעם ווייל דאס וועט אפשר מחייב זיין אין גאנץ בית שמש, אבער כ'האב געהאלטן אז עס איז א נייער

האחרונות כבית שמש, וא"כ יש לשער שבמקום הזה היתה העיר בית שמש של נחלת יהודה, וכפי שכתוב בספר יהושע.

ובספרו של הגאון החוקר הידוע בירושלים לפני כמאה ושבעים שנה ה"ה בעל התבואות הארץ (עמ' קיז) כשמפרש הגבול של נחלת שבט יהודה ביהושע כתב בזה"ל: ומשם ירד הגבול לבית שמש הוא כפר למערב הר מודיעים הנקרא עין שמס עין שמש עכ"ל. הרי מפורש בדבריו שהמושב העתיק עין שמש שהיה שם הוא בית שמש האמור ביהושע, וכן מצינו כיוצא בו לאחד מחכמי ירושלים לפני כמאה שנה ה"ה האדמת קודש (עמ' צז) כשמפרט את גבול נחלת יהודה כתב בזה"ל: הגבול יורד הנגבה לבית שמש החרבה היום, והערביים קורין לה עין שמש עכ"ל. הרי מפורש נמי בדבריו שפשוט לו שהמושב הערבי עין שמש הוא העיר בית שמש שבימות יהושע, וכן ידוע שהערביים לא שינו מעולם שמות העיירות.

וכיון שלפי האמור יש מקום לחוש עכ"פ שהעיר בית שמש כהיום נמצאת במקום שהיתה העיר בית שמש בזמן יהושע, אם כן יש לומר שדינו כעיר מוקף חומה, שכן מצינו מפורש בירושלמי בריש מגילה שהעיר בית שמש היתה מוקפת חומה בימות יהושע.

אמנם פוסקי זמנינו מצאו עוד נימוק גדול לפטור את העיר בית שמש מדין ערי הספיקות, [חוץ מדעת הברכי יוסף המובא לקמן בהערות], כי הביאור הלכה שם הביא מספר משאת משה (ח"ב סי' ג) שאף דקי"ל שכפר הסמוך לכרך המוקף חומה קוראין בכפר בט"ו, מ"מ אם הכרך שומם ואין קוראין שם בט"ו, גם בכפר הסמוך לו אין קוראין בט"ו רק בי"ד. וא"כ לפי"ז יש לומר נמי לגבי העיר בית שמש, שאף אם נאמר שהעיר בית שמש של זמן יהושע היתה במקום הנמצא כהיום תל בית שמש, מ"מ כיון שהמקום כהיום שומם מאין יושב אין צריך להחמיר בישובים הסמוכים לו לקרוא בט"ו.

וע"ע בשו"ת תשובות והנהגות (ח"ג סי' רל"ה) שמבאר מנהג בני העיר בני ברק שאין חוששן לשיטת החזו"א זצ"ל וקורין רק בי"ד.

35 כ"כ בספר יהושע ( טו, ט-י) "ותאר הגבול מראש ההר אל מעין מי נפתוח, ויצא אל ערי הר עפרון ותאר הגבול בעלה היא קרית יערים: ונסב הגבול מבעלה ימה אל הר שעיר, ועבר אל כתף הר יערים מצפונה היא כסלון, וירד בית שמש ועבר תמנה". רואין מכאן שהיא עיר הלוים ביהודה, וכמו שכתוב לקמן (כ"א, ט"ז) שבני יהודה נתנו מחלקם את בית שמש ללוים, וכן בדברי הימים (ד' פרק כ"ה, כ"א) כתוב בבית שמש אשר ליהודה.

געגעגנט און עס האט נישט קיין שייכות צו די אלטע בית שמש.

**רבינו:** ס'איז אפגעטיילט?

**הגר"מ:** ס'איז נאכנישט מחובר אינגאנצן. ס'איז כמעט א פערטל שעה צו פארן.

עס האט זיך אהנגעהויבן א ויכוח צי מ'קען גלייבן די ארכיאלאגן צי נישט, האב איך געזאגט דאס האט נישט מיט די ארכיאלאגן מיר דארפן זיי נישט גלייבן, די הלכה איז אין שלחן ערוך או"ח סי' תרפ"ח סעי' ד', א עיר וואס איז א ספק דארף מען ליינען י"ד מיט א ברכה און ט"ו אהן א ברכה, זאגט דער בית יוסף און אלע ברענגען עס אראפ להלכה, דער משנה ברורה און דער כף החיים, וואס הייסט דאס א ספק, אין ארץ ישראל אז מ'זעהט א חומה הייסט עס א ספק, וויבאלד רוב שטעט איז געווען מימות יהושע.

נאר וואס, דא איז געווען א טענה אז דער ביאור הלכה ברענגט א עיר ששמם דארט איז עס נישטא, א עיר חרבה, אבער דער משנה ברורה איז דאך פוסק אחרון, און וויבאלד סוף סוף איז עס דאך א חרוב'דיגע שטאט, מ'וואוינט נישט דארטן, ס'איז נאר נעבן דעם, האב איך געברענגט א זאך און שפעטער האב איך געזעהן אז ס'איז טאקע אזוי, מיין טאטע פלעגט צו זאגן כללי הוראה אויף משנה ברורה, וואס דער משנה ברורה פסק'נט אין די פסקי המשנה ברורה, דאס האט ער געגעבן א הוראה לדורות אזוי זאלסטו זיך פירן, אבער וואס ער שרייבט אין ביאור הלכה דאס איז בדרך אפשר וואס איז מיר אויסגעקומען, אזוי ווי מ'טרעפט א צווייטער חזון איש, אבער ס'איז נישט קיין הוראה, שפעטער האב איך געטראפן אסאך ביאור הלכה'ס וואס ער שרייבט טאקע 'לא העתקתי בפנים', דער משנה ברורה אליינס שרייבט אזוי. מענטשן האבן מיר דאס געוויזן אז דער כלל איז ריכטיג. אז דער משנה ברורה אליינס שרייבט אין ביאור הלכה עטליכע מאל אז כ'האב עס נישט מעתיק געווען אינעווייניג, און די זעלבע זאך אין שער הציון, ווייל דאס איז געווען זיין קו.

האב איך גע'טענה'ט אז דאס וואס מיר האבן א פסק פונעם משנה ברורה אז ביי א עיר חרבה איז עס נישט שייך, דאס איז נישט קיין משנה ברורה, עס איז נאר א ביאור הלכה, און נאך שטערקער אז דער משנה ברורה האט עס נישט געברענגט אין די פסקי המשנה ברורה איז פשט אז ער האט עס נישט געהאלטן למעשה.

עכ"פ ס'איז געווארן א שטארקער טומל, מ'האט אהנגעהויבן צו שרייבן כרגיל, דער צד און דער צד, און רבי משה שטערנבוך דער ראש בי"ד זאל זיין געזונט ער האט געהאלטן – ער שרייבט ביים סוף תשובה אזוי – אז עס קען זיין אן ענין פון 'לא תתגודדו' ווייל ס'איז אינעם זעלבן שטאט.

ס'איז א חידוש ווייל מ'זעהט אין כף החיים (סי' תרפ"ח סקט"ז) אז רוב שטעט אין ארץ ישראל האט מען געליינט ביידע טעג כדי ארויס צו גיין פון די חששות,[36] און ער ברענגט א תשובות הרידב"ז (ח"א סי' תרפ"ז) אז אפילו א שטאט וואס איז וודאי י"ד זאל מען מחמיר זיין צו ליינען ט"ו אין ארץ ישראל און עס איז נישטא דער חשש, ווייל סוף סוף איין טאג ליינט מען מיט א ברכה און איין טאג אהן א ברכה.

**רבינו:** דארף מען דאך אין בני ברק אויך ליינען אום ט"ו, וועגן יפו.

**הגר"מ:** איז די חזון איש'ניקעס ליינען טאקע אין בני ברק אויך ט"ו.[37]

**רבינו:** ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דער ברכי יוסף (סי' תרפ"ח) האלט אז סמוך איז נאר גערעכנט נעבן א וודאי.[38]

**הגר"מ:** אין לעדערמאן ביהמ"ד האט רבי חיים קאניעבסקי געליינט יעדעס יאר אויך ט"ו.

דער חידוש איז אז רבי משה שטערנבוך ליינט אין הר נוף אום י"ד מיט א מנין אין ביהמ"ד אהן א ברכה. וואס איז מיט 'לא תתגודדו'? ווייל ס'איז טאקע נישטא קיין 'לא תתגודדו'. נאר כנראה כ'פארשטיי אז מ'האט מורא

---

36 וז"ל: וכ"כ הרב תבואת הארץ בספרו תשו' דברי יוסף (סי' ב') כי בכל ערי א"י נוהגין לקרות שני ימים חוץ מעיה"ק ירושלים ת"ו שקורין יום ט"ו בלבד, ודלא כדברי הרדב"ז הנז' והאריך בישוב המנהג יעו"ש.

37 כי נודע דהחזו"א החמיר לקרוא בעיר בני ברק בט"ו בלי ברכה, משום שיש לחוש דנחשבת כעיר אחת עם יפו, דמבני ברק עד יפו הכל בנוי, ועיר יפו היא מהספיקות.

ועיי' בדינים והנהגות מהחזון איש ז"ל (עמוד קי"ז) איתא בזה הלשון: היו קוראין את המגילה בביהכ"נ שבביתו גם בט"ו, וכן קיים בו שאר מצוות היום, מפני העיר יפו שהיא ספק מוקפת (עי' חזון איש או"ח סי' קנ"ג) עכ"ל.

38 עיין בברכי יוסף (סי' תרפח סק"ט) שכתב בשם הרב משאת משה שכרך שקוראים בו י"ד וט"ו מספק, אז כפרים הנראים והסמוכים אליו קוראים בי"ד בלבד, שלא אמרו שהרי הם ככרך, אלא כשהכרך ודאי מוקף מימות יהושע בן נון, אבל אם הכרך עצמו ספק הנראים והסמוכים קוראים בי"ד בלבד, והסכים לזה הברכי יוסף שם.

געהאט אז ס'וועט ווערן אזוי צוטיילט די אלטע שטאט מיט די נייע שטאט.

אינטערסאנט איז אז רבי חיים קאניעבסקי האט צוגעשריבן צו דעם בריוו צעהן טעג פאר ער איז אוועק 'לכאורה בב' הימים', אז מ'דארף ליינען ט"ו אויך.

בדרך אגב, אין דעם טאג איז ער אוועק פון דעם עולם (ביום ט"ו אדר ב' פורים דמוקפין תשפ"ב לפ"ק).

יעצט רבי חיים קאניעבסקי איז נישט קיין חידוש, ווייל דער חזון איש איז דאך געגאנגען מיט דעם גאנג, און אין שונה הלכות ברענגט ער דאס טאקע אז אוודאי דארף מען חושש זיין אויפן קלענסטן חשש ליינען צוויי טעג ארויסצוגיין פון אלע שאלות.

און דער כף החיים (שם) ברענגט אויך אן אינטערסאנטע זאך, חברון איז וודאי נישט קיין חומה מימות יהושע, פונדעסטוועגן האט מען געליינט צוויי טעג ווייל ס'איז ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל האט מען מער מקפיד געווען.

**רבינו:** כאטשיג ס'איז נישט קיין דאורייתא.

אבער מ'קען זאגן אפשר אז דברי קבלה איז ווי א דאורייתא, אזוי זאגט דאך דער פרי מגדים לגבי מצוות צריכות כוונה, אז מ'האט נישט מכוון געווען דא, כאטשיג ביי א דרבנן איז מצוות אין צריכות כוונה, אבער ביי מגילה איז מען מחמיר ווייל ס'איז דברי קבלה.[39]

**הגר"מ:** ס'איז אינטערסאנט אויך דארטן אויפן פלאץ האב איך געזעהן ווי שטארק מדוייק דער משנה ברורה איז, ער לייגט צו אין סי' תרפ"ח ס"ק ט' אז ביי א ספק דארף מען אויך מקיים זיין שמחה און מתנות לאביונים אויך. פארוואס משלוח מנות שרייבט ער נישט? איז 'על הנסים' זאגט ער אין אפאר סימנים פריער אז ביי א ספק זאל מען זאגן על הנסים אויך.

איז שפעטער האב איך געטראפן א ביאור הלכה אין סימן תרצ"ה דארטן איז ער דן וועגן משלוח מנות ביי א ספק, ער ברענגט א פרי חדש אז נאר י"ד, אבער ער זאגט אז דער פרי מגדים איז מפקפק בזה.

אבער דא זעה איך ווי שטארק ס'איז מדוייק אז וואס ער לייגט אין ביאור הלכה איז נישט קיין הוראה למעשה.

**רבינו:** פארוואס זאל זיין א נפק"מ צווישן משלוח מנות און מתנות לאביונים צי משתה ושמחה?

**הגר"מ:** כ'וויס נישט, אבער אזוי זעהט מען אז ער האט מחלק געווען.

**רבינו:** פארוואס טאקע? ס'איז א קשיא, אדרבה מ'זעהט דאך אז משלוח מנות גייט דאך צוזאמען מיט משתה ושמחה. משלוח מנות איז דאך אויף די סעודה. [ואכן יש שרוצים ליישב דבריו שבהסעודה כבר כלול גם החיוב של משלוח מנות].

**הגר"מ:** און ער צוטיילט דאס, ער זאגט שמחה אויף ביידע טעג און משלוח מנות נישט.

**רבינו:** יא, ס'איז א גרויסער חידוש.[40]

*

**וישאל רבינו:** וואו שטייט איר איין?

**הגר"מ:** אין מאנסי.

**רבינו:** ווען פארט איר אהיים?

**הגר"מ:** זונטאג אי"ה.

קען זיין כ'וועל מיך מאכן צייט זונטאג אריבער קומען זונטאג גלייך אינדערפרי, אהער קיין קרית יואל, איך וויל באזוכן אין די בית השחיטה.

**רבינו:** אדרבה.

**ונפרד רבינו ממנו בברכה:** א חג כשר ושמח, צאתכם ובואכם לשלום.

**הגר"מ:** אמן, דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק און זוכה זיין להגדיל תורה ולהאדירה.

---

39 עיי' בפמ"ג (פתיחה כוללת) שהקשה על המג"א דס"ל דמצוות דרבנן א"צ כוונה, דהלא מבואר בר"ה (מתני' כ"ז ע"א) היה עובר אחורי ביהכ"נ ושמע קול מגילה אם כוון לבו יצא, הרי דמגילה אף דהיא מצוה דרבנן צריכה כוונה, וכן נפסק בסימן תר"צ (סי' י"ד), ותירץ שדברי קבלה כדברי תורה דמיין.

ועיי' בישועות יעקב (סימן תר"צ) כתב ג"כ דמשום דמגילה דברי קבלה וכדברי תורה דמי, ובדאורייתא קיי"ל מצות צריכות כוונה, אך כתב דדוקא במגילה דיום, אבל במגילה דלילה דרבנן, אינו מעכב הכוונה.

40 אכן יש לציין שבשער הציון (סק"י) כתב מקורו של ההלכה 'שבמקומות המסופקין קורין בי"ד ובט"ו, ונוהגין שמחה ומתנות לאביונים בשניהם' הוא במג"א בשם שלטי גיבורים.

וכתב הפמ"ג (א"א סק"ה) שאינו יודע למה השמיט שגם משלוח מנות נוהג בשניהם מספק.

ועיין בביאור הלכה סימן תרצ"ה (סעיף ד' ה"א) שהביא מהפמ"ג בשם הפרי חדש שם דישלחו המנות רק בי"ד שהוא הזמן לרוב העולם, ועיין בפרי חדש שם שלא הזכיר משלוח מנות, רק כתב דהסעודה עושין רק בי"ד, והפמ"ג מפקפק בזה מאי שנא משלוח מנות מקריאת המגילה דצריך בשני הימים.

ויש אחרונים שרוצים ליישב שתלוי במחלוקת הראשונים בנדרים אי ספק ממון עניים אזלי' לחומרא, וע"כ מחמירין במתנות לאביונים.

ס'איז וויכטיג דער רבי זאל וויסן, דעם רבי'נס נאמען גייט אין די וועלט, נישט נאר אין דיני רבי, נאר אויך אין דיני הלכה.

**רבינו העניק לו הגש"פ ע"פ לב אהרן**

**הגר"מ:** דאס איז מסתמא נאר מהדורא קמא...

**א' הנוכחים:** יא, ס'איז דא אסאך מער תורות, ענינים, ס'איז נאר א קליינער חלק.

**הגר"מ:** עס וועט מיר זיין א חשיבות אויב דער רבי וועט אריין שרייבן אפאר ווערטער.

**וכתב רבינו בתוך הספר לכבודו של הגר"מ שליט"א**

*

**הגר"מ:** די נושא פון 'מקוה רייין' איז אהנגעקומען דא?

**רבינו:** ס'איז נאכנישט דא דערוייל.

**הגר"מ:** דער רבי האט שוין מסתמא געהערט די צדדי ההיתר והאיסור?

**רבינו:** יא, ס'איז דא וואס ווילן זאגן אז ס'ווערט אוים וואסער.

**הגר"מ:** גראדע איך האב געשריבן א תשובה וועגן דעם מער להיתר. אבער בפועל איז אין 'מקוה אורנשטיין' אין ירושלים האב איך עס נישט געלאזט אריין לייגן, כ'האב געהאלטן אז אידן ווילן אזוי לחומרא זאל זיין אזוי, אבער אין זופניק ביי די עדה החרדית האט מען דאס יא אריין געלייגט, א איסור איז נישטא...

**א' הנוכחים:** וואס איז די טעם האוסרים, נאר אלץ חדש אסור מן התורה?

**הגר"מ:** ניין, נישט חדש, כ'וויס זיי ווילן זאגן אז כאילו ס'ווערט אוים וואסער.

**א' הנוכחים:** וויזוי ארבייט דאס, ס'איז נישט מסתבר אזא זאך, ס'איז דאך נאס, מ'ווערט דאך נאס דערפון, ס'איז א מציאות אז ס'איז וואסער.

**הגר"מ:** ס'איז דא א זאך וואס הייסט 'לא קרי מים' ביי נטילת ידים אלץ א גזירה.

**רבינו:** ביי הייס וואסער איז דא עפעס אזא דערהער, ס'איז א רש"י אין חולין.[41]

**הגר"מ:** יא, די פוסקים זאגן אז ס'איז 'מים מת' ס'איז געשטארבענע וואסער, אזוי זאגן די פוסקים. דארט איז ווייל ס'איז דא א גזירה, אבער דא איז עס נישט שייך.

**א' הנוכחים:** זיי צייכנענען צו עפעס א משנה – די אוסרים – אז ס'איז נישט קיין געהעריגע וואסער.

**רבינו:** ס'איז דא די משנה (מכשירין פ"ב מ"א) פון זיעת הבתים, מסתמא דאס.

**הגר"מ:** אבער ס'איז נישט קיין צושטעל, ס'איז נישט גלייך בכלל.

רבי משה שטערנבוך דער ראש בית דין – כ'בין געווען סוכות ביי אים באזוכן – האט ער מיר געבעטן אז מ'זאל עס ארויס נעמען פון די זופניק מקוה פון די העדה החרדית, האב איך זיי געשריבן א בריוו אז דער ראש בית דין בעהט אזוי, ער האט נישט גע'אסר'ט נאר ער האט געבעטן לפחות איין מקוה זאל מען לאזן אהן דעם פאר די היימישע.

**רבינו:** דא איז עס נישטא, מ'טויששט די וואסער דא אפט.

**הגר"מ:** קען זיין ווייל דארט קארגט מען אויף די וואסער. עס קאסט דארט זייער טייער די וואסער.

אינטערסאנטע זאך אז רעגן וואסער האלט לענגער.

**רבינו:** יא, אונז וויסן מיר דערפון, מי גשמים האלט זיך מער, ס'איז געווען א צייט וואס מ'האט זיך גע'טובל'ט דא אין רעגן וואסער, ס'האט געהאלטן חדשים לאנג. מ'האט עס נישט מפרסם געווען, אבער אונז האבן מיר געוואוסט, רעגן וואסער איז אנדערש ווי די אנדערע וואסער. ס'האלט זיך לענגער.

**הגר"מ:** ס'איז דאך דא די מקוואות ביי אונז אין ירושלים וואו מ'ליגט אריין מ' סאה מי גשמים, דארטן דארף מען טאקע בייטן ווינציגער. הגם, מ'דארף מוסיף זיין אויך פון די אנדערע וואסער, אבער מ'האט געדארפט וויניגער טוישן די וואסער.

**רבינו:** יא, דא איז געווען א תקופה וואס מ'האט זיך געטובל'ט אין מי גשמים.

**הגר"מ:** דא איז דאך דא א מעיין מקוה, איך בין געווען אמאל דא מיט מיין טאטן זעהן די מקוה.

**רבינו:** מ'רעדט דאך פאר ווען ס'איז געווען די יעצטיגע מקוה, האט מען זיך געטובל'ט אין מי גשמים, און ס'האט געקענט שטיין צוויי חדשים די וואסער.

**הגר"מ:** כ'בין געווען מיט מיין טאטן דא אין די מקוה פאר פינעף און צוואנציג יאר צוריק, כ'געדענק אז מיין טאטע האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ס'האט מיר געלוינט צו קומען קיין אמעריקא נאר כדי צו זעהן די מקוה.

**ונפרד הגר"מ בברכה:** דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק לאורך ימים ושנים, ביז משיח'ס טאג.

**רבינו:** אמן, לחיים ולשלום מיט ברכה והצלחה, א לעכטיגן יו"ט.

---

41 עי' לשון הרש"י במס' חולין (קה:) 'אם היד סולדת בהן בטלו ונשתנו מתורת מים'.

# מתוך שיחה עם הרה"ג ר' אהרן מרדכי בריסק שליט"א

דומ"ץ דק"ק טאשנאד, ומח"ס אוצר הזמנים

# ונתלוה אתו הרה"ג ר' יואל יצחק שטערן שליט"א

מו"ץ בקהילתינו הק', דומ"ץ ביהמ"ד דינוב בקרית יואל יע"א

יום ב' דחוהמ"פ תשפ"ג לפ"ק, בבית כ"ק רבינו שליט"א בקרית יואל יצ"ו

רבינו קידם פניו בברכה

**דומ"ץ טאשנאד:** כ'האב גערעדט יעצט דא א שיעור אין הלכות יו"ט פאר מעריב, האב איך גערעדט וועגן דעם חידוש פון אשת הדרישה.[42]

**רבינו:** וועגן די ברכה [בהדלקת הנרות של יו"ט]?

**דומ"ץ טאשנאד:** וועגן צוויי זאכן, סיי אז מ'זאל מאכן די ברכה יו"ט נישט אזוי ווי שבת, מ'זאל מאכן די ברכה פאר'ן צינדן, אבער לגבי ווען מ'זאל צינדן, זאל מען יא צינדן פארן זמן ערב יו"ט, אזוי ווי שבת, און נישט ביינאכט פאר די סעודה.

**רבינו:** ס'איז דא וואס צינדן יא ביינאכט, די עיקר חובת הדלקה איז דאך ביי די סעודה.[43]

---

**42** הגאון ר' יוסף יוזפא כ"ץ זצ"ל, בנו של רבינו יושע וולק כ"ץ זצ"ל - בעל הסמ"ע, כותב בהקדמתו לספרו של אביו 'דרישה ופרישה' (חלק יור"ד ח"ב), כאשר מספר בשבחה של אמו הצדיקת, אשת חבר ("הרבנית מרת בילא בת הקצין והנדיב הר"ר ישראל אידלש ז"ל" שהיה "פרנס הדור") כותב בזה"ל: "הביטו נא וראו את מה שהרגישה בטעות הנשים בהדלקתן הנרות ביום טוב, וטעותן בשתים, האחד, מה שנוהגות להדליק נרות של יו"ט כמו של שבת, דהיינו, שמדליקין תחלה הנרות, ואחר כך משימין ידיהן לפני הנרות, ומברכין הברכה על הנרות, ואחר כך מסלקין ידיהן, הכל כמו נרות של שבת, ומנהג זה מביא רמ"א בשו"ע באו"ח סי' רס"ג ס"ה... והטעם מה שמשימים את ידיהן לפני הנרות, כדי שיהא הברכה עובר לעשייתה, כי פלוגתא דרבוותא היא, אם קבלת השבת תלה בהדלקת נרות לשבת אם לאו... ואע"פ שנקטינן הלכתא דאין קבלת שבת... כי אם בתפלת ערבית... מ"מ כתבו כמה גדולים... שדוקא לבני בית אמרינן הכי, אבל להמדליק עצמו או להאשה שמדלקת הנרות לשבת היא אסורה לעשות מלאכה אחר שהדליקה, דכיון דמברכת אין לך קבלה גדולה מזו... נמצא אם היה מברך תחלה, כמו שראוי להיות הברכה עובר לעשייתה, אסור שוב להדליק הנרות, על כן נמשך מזה המנהג, שמדליקין תחלה ומשימין ידיהן לפני הנרות ומברכין, ואחר כך מסלקין ידיהן, שבזה נקרא עובר לעשייתן. התינח בהדלקת הנרות לשבת, שאחר הברכה אסור שוב בהדלקה, אבל ביו"ט שמותר להדליק הנרות ביו"ט עצמו, מוטב שנעשה ברכת הנרות כתיקונה, להיות הברכה עובר לעשייתן ולהדליק הנרות של יו"ט".

וממשיך עוד: "הטעות השני, מה שנוהגות הנשים להדליק נרותיהן של יו"ט אחר שהתפללו הקהל ערבית, ואחר יציאתם מבית הכנסת לביתם קודם אכילה, וזה אינו נכון, התינח בליל יו"ט שני של גליות שהוא ספיקא דיומא, ואסור להכין מיו"ט ראשון לשני, ראוי לעשות כן, אבל מה שנמשך מזה שנוהגות לדלוק גם בליל יו"ט ראשון כן, זה אינו נכון, ויותר טוב מדינא להדליק הנרות גם כן קודם תפלת ערבית, ולקבל היו"ט בהדלקתן, הכל כמו שעושין לכבוד שבת, שיהא הכל מוכן מיד בבואו מבית הכנסת לביתו, השולחן ערוך והנר דלוק ומטה מוצעת... גם כל מלאכה שמותר לעשות ביו"ט, אם יכול לעשות אותו מלאכה מערב יו"ט, אסור לעשותו לכתחלה ביו"ט....".

והסכים עמה בנה ר' יוסף הנ"ל, שהדין דין עמה, וסודה ברוך, וטעמה עידית, ותשואות חן חן לה.. עד כאן מלשונו.

ומן החיוב לציין שהמג"א (סי' רס"ג ס"ק י"ב) חולק על אשת הדרישה. וז"ל: ואם כן ביום טוב תברך ואחר כך תדליק, כ"כ בסוף ספר הדרישה בא"ע (בסוף הקדמת מוהר"ר יוסף יוזפא כהן זצוק"ל לספר דרישה ופרישה לאביו זצוק"ל) בשם אמו, "אבל אין חכמה לאשה אלא בפלך", דלא חלקו חכמים כמ"ש סי' קנ"ח ע"ש, וכ"כ התוס' בפסחים (ז:), עכ"ד המג"א.

ובהגהות דגול מרבבה חולק על המג"א וז"ל: ולענ"ד הדין עם אמו של הגה' דרישה דביו"ט תברך ואח"כ תדליק, ומ"ש המג"א ראיה מסי' קנ"ח ומדברי התוס' בפסחים (שם). לענ"ד אין הנדון דומה, דשם בסימן קנ"ח שמברכין מיד אחר הנטילה משום נטילה שאחר יציאת בית הכסא, שם נוסח ברכת נטילה שוה, וכן דברי התוספות בפסחים שמברכין בכל הטבילות אחר שטבל משום טבילת גר, שם ג"כ נוסח הברכה שוה, וטבילת גר על הטבילה כמו שאר כל חייבי טבילות, ולכך משום לא פלוג לא חילקו.

אבל ברכת הדלקה אין נוסח ברכה של הדלקת נר שבת שוה לנוסח ברכה של נר יום טוב, על נר שבת מברך להדליק נר של שבת כמבואר כאן בשו"ע סעי' ה', ועל נר של יום טוב נוסח הברכה להדליק נר של יום טוב כמבואר כאן ובסוף סימן תקי"ד, ולא שייך לא פלוג.

ולדברי המגן אברהם צריך לומר שלא פלוג בכל ברכת הדלקה, אם כן קשה גם בהדלקת נר חנוכה יברך אחר שהדליק משום לא פלוג, והא ודאי ליתא כמבואר (בסימן תרע"ו ס"ב בהג"ה), אלא ודאי כיון שהנוסח הוא להדליק נר של חנוכה ובשל שבת הנסח להדליק נר של שבת, לא שייך לא פלוג, א"כ הוא הדין דביו"ט ג"כ לא שייך לא פלוג, וכן נ"ל להורות כאשת הגאון דרישה, "והיא אשה נשאה לבה בחכמה" עכ"ד הדגול מרבבה.

וגם בהגהות רעק"א מקשה על המג"א, דמדינא בשבת ג"כ מברך קורם הדלקה היכא דאין מקבלת שבת, וא"כ לא שייך ביו"ט לא פלוג היכא דבשבת עצמו מברכת לפעמים קודם. ולשיטתו באיש המדליק מברך קודם הדלקה.

**43** היינו שחולקין על אשת הדרישה גם בהלכה השניה שחידשה אשת הדרישה הנ"ל, שכמו שמדליקין הנרות בער"ש קודם השבת, כמו"כ ידליקו הנרות בערב יו"ט קודם יו"ט ולא בלילה קודם הסעודה.

**דומ"ץ טאשנאד:** זי האט געהאלטן אז מ'זאל מאכן אנדערש ווי שבת לגבי די ברכה, אבער לגבי דעם זמן הדלקה זאל מען מאכן אזוי ווי שבת, מ'זאל צינדן בייטאג פן ערב יו"ט.

די טענה איז, אז דאס אז מ'מעג צינדן ליכט יו"ט איז נאר ווען ס'איז אי אפשר לעשותה מבעוד יום. אלע מלאכות וואס מ'טוט יו"ט איז נאר ווען ס'איז אי אפשר לעשותה מבעוד יום, ליכט קען מען דאך צינדן מבעוד יום. דער מגן אברהם (סי' רסג סקי"ב) דינגט זיך אויף די ערשטע חלק, אויף די ברכה.

**רבינו:** יא, ער זאגט 'אין חכמה לאשה אלא בפלך' (מס' יומא סו:).

אבער מיין מאמע ע"ה האט אלעמאל געצינדן אום יו"ט.

**בײם** פעטער ז"ל איז אויך אזוי געווען, די מומע האט געצינדן אום יו"ט ביי די נאכט.

**דומ"ץ טאשנאד:** אזוי איז געווען דער מנהג?

**רבינו:** יא, אזוי איז געווען.

**דומ"ץ דינוב:** ווען? פאר די סעודה?

**רבינו:** יא, פאר די סעודה.

**דומ"ץ דינוב:** די ערשטע נאכט אדער די צווייטע נאכט?

**רבינו:**ביידע נעכט. די צווייטע נאכט זיכער, דעמאלטס קען מען דאך נישט צינדן פארדעם.

**דומ"ץ טאשנאד:** יא, דער זון פונעם דרישה דערמאנט טאקע פון זיין מאמען וועגן די צווייטע נאכט, דעמאלטס (כדמובא לעיל בהערה 1), פארשטייט זיך אזוי, מ'קען דאך נישט אנדערש, אבער די ערשטע נאכט זאל מען צינדן ווען ס'איז נאך טאג.

אנדערע זאגן מ'זאל גוזר זיין אטו די צווייטע נאכט זאל מען די ערשטע נאכט אויך צינדן ביינאכט, כדי מ'זאל נישט פארמישן.

**רבינו:** אזוי האט מען טאקע געטוהן,[44] דער חת"ם אין מס' שבת (כד.) ברענגט א ראיה פון אין שורפין קדשים ביו"ט אז מ'צינדט ביינאכט.[45]

עיי' במטה אפרים (סי' תרכ"ה סעי' ל"ג) כתב דכבר נהגו נשים רבות שלא להדליק נרות של יו"ט עד אחר ביאתן מבית הכנסת לביתם, ובשו"ת מנחת שמואל (סי' ל') כתב לבאר הטעם על פי שיטות הראשונים דעיקר חובת ההדלקה הוא לצורך הסעודה, ומטעם זה סבירא להו לרבינו משולם (במרדכי שבת סי' רצ"ד) שאין לברך על ההדלקה, לפי שאין בעשייתה [דהיינו בשעת ההדלקה] גמר מלאכת המצוה, דגמר עשייתה הוא רק בזמן הסעודה, ואף לדידן דמברכים בשעת ההדלקה, היינו רק משום דאי אפשר בענין אחר, לכן חשיב הכשר מצוה כמצוה, ועפי"ז ניחא מנהג הנשים, דזהו דוקא בשבת שאי אפשר להדליק בלילה לכן ההדלקה ביום נחשב כהכשר מצוה, אבל ביום טוב דאפשר להדליק ביו"ט, לכן שפיר יש לומר להדליק בלילה דאז הוא זמן המצוה דהיינו הסעודה ע"כ.

ובמחזיק ברכה (להחיד"א סי' רסג אות ד) כתב, וז"ל: והרואה יראה שם בסוף הדרישה י"ד שהרב מהר"ר יוזפא זלה"ה הבן כרוך אחר אמו, שכתב שחפש וחקר בזה ומצא שאמו כיונה לאמת ע"ש, ונראה שהדין דין אמת שהרי הגאונים ור"ת והרא"ש סוברים לברך קודם הטבילה כמבואר בהרא"ש פ"ק דפסחים, ומ"ש התוס' שם בשם ר"י היינו דאין לגעור בנשים, וכמו שמבואר כל זה בב"י י"ד סי' ד', וגם בב"י א"ח סי' קנח מבואר דמן הדין יש לברך קודם נטילה אלא דנהגו לברך אחר נטילה משום דאין ידיו נקיות לפעמים, וכן פסק בש"ע סי' קנ"ח ובי"ד סי' ר', אף דאיכא זמנין דצריך לברך אח"כ אלא דנהגו לברך אחר נטילה ואחר טבילה, וזו היא סברת מור"ם שם בא"ח סי' קנ"ח שלא הגיה כלום שם, אבל הכא דאיכא פלוגתא אעיקרא אם בהדלקה הויא קבלה, וכמה פוסקים סברי דתברך קודם דאין הברכה קבלה, והסוברים דתברך אח"כ היינו משום דסברי דהברכה הויא קבלה, וא"כ תיסגי לן להחמיר בשבת אבל ביו"ט לא יש טעם כלל וצריך לברך מקודם, ע"כ.

ובמטה אפרים (שם) באלף למטה (סקנ"א) הביא עוד טעם ליישב מנהגן שמדליקות בלילה, כיון דלפעמים אין ביכלתן להדליק מבעו"י, כגון בל"ט בליל יו"ט, ולכן השוו מידתם.

וכן נהגו בבית מרן החת"ס כדמובא בס' מנהגי רבותינו, וכ"כ בבן איש חי (נח שנה שניה אות י'), וכן נהגו בבית רבותינו עצי התמרים.

44 ויש לציין שהמאירי כתב בחידושיו על מסכת שבת (כג: ד"ה כבר ביארנו) כי הדלקה ביו"ט אינה מבעוד יום, אלא בעיקר יום טוב, עכ"ל.

45 החתם סופר בחידושיו על מסכת שבת (כד.) רצה להוכיח מדברי הגמרא שם שלא כדברי אשת הדרישה, שאכן יש סיבה לאחר להדליק נרות ביום טוב כאשר חוזרים מבית הכנסת, כי במשנה איתא אין מדליקין בשמן שריפה ביום טוב, וטעם הדבר נתבאר בגמרא לפי שאין שורפין קדשים ביום טוב.

ומכאן משמע שזמן הדלקה ביום טוב בלילה אחר שכבר קיבל עליו יום טוב, ודלא כזמן הדלקת ערב שבת שהוא על כרחך מבעוד יום, משא"כ הדלקת יום טוב, דאי סלקא דעתך זמן הדלקת יום טוב הוא מבעוד יום, אם כן לא שייך למיתני סתם אין מדליקין בשמן שרפה ביום טוב, דהא תלמודא דידן לית ליה כהירושלמי דאסור לעשות הבערת קדשים בערב שבת שיהיו מתבערין מאליהן בשבת, ונמצא איפוא שאין איסור שריפת שמן קדשים בהדלקת נרות יום טוב מבעוד יום, ואם כן מאי טעמא אין מדליקין.

אלא על כרחך זמן הדלקה אחר קבלת יום טוב, ובשל כך אסורה הדלקת הנרות של שמן שריפה ביום טוב, לפי שאין שורפין קדשים ביום טוב, ומתוך כך הסיק החתם סופר ומוכח 'דלא כחכמת אשה הרבנית אשת הדרישה שקוראה תגר על הני נשי דידן שמדליקין בליל יום טוב', עכ"ד.

**דומ"ץ דינוב:** פשוט איז געווען די סיבה ווייל מ'צינדט דאך די לעכט ביי די סעודה, איז דא א מדובר צי מ'מעג צינדן נאכמיטאג פאר ווען מ'גייט דאווענען מנחה, צי מ'מעג צינדן די ליכט פאר מנחה, פאר מ'נוצט עס, איז וועגן דעם האט מען עס געצינדן ביי סעודה.

**דומ"ץ טאשנאד:** עס ווענדט זיך אפשר אויך ווען מ'איז מקבל יו"ט, אז מ'איז מקבל יו"ט ווען ס'איז שוין געווען טונקל דעמאלטס קען מען נוצן ליכט אפילו בעפאר די סעודה, ס'איז צרכי הבית. אבער אז מ'איז מקבל יו"ט גאר פריה איז נאכנישט דער זמן.[46]

איז דער מגן אברהם דינגט זיך נאר אויף דעם חלק.

**רבינו:** לאו דוקא, ס'איז דא וואס זאגן אז מכח דעם 'אין חכמה לאשה' איז ער חולק אויף ביידע דינים.[47]

**דומ"ץ טאשנאד:** איך האב געזאגט ביים שיעור אז דער לשון זיינער 'אין חכמה לאשה אלא בפלך', כ'מיין אז ס'איז לשון נופל על לשון, ער מיינט צוויי זאכן, ער מיינט אז די אשת הדרישה איז נישט קיין מאן דאמר, אין חכמה לאשה, און ער מיינט אז מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף די נשים צו מאכן שבת מיט יו"ט נישט די זעלבע, מ'דארף זיי זאגן אייביג די זעלבע.

**רבינו:** יא יא, אזוי לערנט דער מחצית השקל אפ דעם מגן אברהם,[48] דאס איז ווייל מ'מאכט די ברכה, ס'איז די זעלבע ברכה 'להדליק נר של שבת' און 'להדליק נר של יום טוב'.

**דומ"ץ טאשנאד:** יו"ט איז דאך א מחלוקת צי מ'מאכט בכלל א ברכה, די תימנ'ער מאכן נישט קיין ברכה,[49] יו"ט פארוואס דארף מען צינדן? אז ס'איז טונקל קען מען אנצינדן א ליכט, ס'איז דאך נישט שבת.

**דומ"ץ דינוב:** ס'איז נישט שייך אזוי ווי ביי כניסת שבת.

**רבינו:** אבער דער רמב"ם (בהלכות יום טוב פ"ו הט"ו) האלט יא אלם עונג יו"ט.[50]

**דומ"ץ טאשנאד:** איין זאך איז מיר שווער, מ'האט מיך געפרעגט ביים שיעור, איך ווייס באמת נישט דעם תירוץ, דער רמ"א זאגט אז שבת ווען מ'מאכט די ברכה איז מען מקבל שבת, במילא איז אונזער מנהג אז מ'מאכט די ברכה נאכ'ן צינדן. ווי אזוי קען די ברכה זיין קבלת שבת? איך זאג איך גיי צינדן, במילא טאר איך שוין נישט צינדן? נאך די ברכה זאל מען שוין נישט טארן צינדן ווייל כ'האב מקבל שבת געווען, כ'האב דאך

---

46 ובמטה אפרים (סי' תרל"ה באלף למטה ס"ק מ"ט) בשם האליה רבה המביא מדברי הלבוש דאפי' ביו"ט שני דאסור לעשות מלאכה מיום לחברו, מ"מ יש להם להדליק סמוך לחשיכה אפי' קודם ברכו, כיון שחשכה גם עתה.

וכן כתב בשל"ה שהוא יותר מצוה ממה שנוהגים להדליק בבואם לביתם שהוא יושבי חושך, ובפמ"ג (סימן ר"מ במשבצות זהב ס"ק ג') וכ"כ בנימוקי אור"ח (סי' תקכ"ט) להדליק מעיו"ט, וכ"כ ביוסף אומץ (אות תתכ"ה) וז"ל: ואשתי נהגה להדליק בכל רגל קודם שהלכה לבית הכנסת, כדי שלא נבוא מבהכנ"ס ביו"ט לבית אפל.

47 יש אחרונים שמדייקים בדברי החיד"א שכ' בספרו שם הגדולים (ספרים מערכת ו' אות ז') בזה"ל: ומוה"ר יוזפא כתב שם (בהקדמה הנ"ל) כי שני חדושי דינים חידשה הרבנית אמו, וכתב עליו הרב מגן אברהם אין חכמה לאשה אלא בפלך, עכ"ל. ומשמע שגם על דין השני חולק המג"א שהרי אין חכמה לאשה ואין לפסוק כמותה.

48 אכן במחצית השקל ביאר כן דברי המג"א במה שכ' אבל אין חכמה לאשה וכו', וז"ל: אבל אין חכמה לאשה, ר"ל כל הנשים לא ידעו לחלק בין שבת ליום טוב, ואם נאמר ביו"ט שתברך ואחר כך תדליק, תעשה ג"כ בשבת ע"כ.

וכן משמע שמפרש בחיי אדם (ח"ב כלל ה' סי"א) וז"ל: אבל ביו"ט נ"ל דראוי ונכון שילמד כל אדם לאשתו שתברך קודם הדלקה, רק כיון שאין חכמה לאשה לכן נוהגת לעולם לברך אחר הדלקה, עכ"ל.

והיינו שכוונת המג"א באמרו 'אין חכמה לאשה וכו' אין הכוונה על אשת הדרישה (כפי שהבין הדגול מרבבה בד' המג"א כדמובא לעיל בהערה 1), אלא הכוונה על כל הנשים שבעולם שיטעו בהוראה.

49 עיי' באורחות חיים (מלוניל) הל' הדה"נ (סי' ט"ו) נהגו לברך בשבת וכן ביום טוב, וי"א שאין מברכים כלל ביו"ט, לפי שאין בו משום שלום ביתו שכל זמן שירצה הוא רשאי להדליק.

וכ"כ בספר מושב זקנים לבעלי תוס' (עה"ת דף שצ"ג) דלמה נסמך נרות למועדות, ללמד שהדלקת נר בשבת ויו"ט מצוה, מכאן נהגו האשכנזים לברך על הדלקת נר ביו"ט כמו בשבת, ולא מסתבר לרבותינו שבצרפת שהרי אמרו בשבת (כה.) שהדלקת נר בשבת חובה משום שלום ביתו, א"כ ביו"ט שיכולים להדליק אין לברך, שאין צריך שלום ביתו, ולכן פסקו שאין מברכים על הדלקת נר ביו"ט.

50 הרמב"ם כתב (בהלכות יום טוב פרק ו הלכה טו) כשם שמצוה לכבד שבת ולענגה, כך כל ימים טובים שנאמר ישעיהו (נח, יג) לקדוש ה' מכובד וכל ימים טובים נאמר בהן (ויקרא כג) מקרא קדש, וכבר ביארנו הכיבוד והעונג בהלכות שבת.

וכן בהגהות מיימוניות (הלכות שבת פ"ה אות א) כתב: וכן ביום טוב נהגו להדליק נר, וכן איתא בירושלמי פרק המביא כדי יין המדליק נר ביום טוב צריך לברך אשר קידשנו במצוותיו וצוונו להדליק נר של יום טוב.

אגב, יעו' בערוך השלחן (סי' רסג סע' י"ט) שכתב כי לא מצא את הדברים בירושלמי שלפנינו.

געזאגט אז איך גיי צינדן, ס'איז נאך מער ווי א תנאי אז איך וויל נישט מקבל שבת זיין, כ'האב געזאגט בפירוש אז איך גיי צינדן.

**רבינו:** ס'איז טאקע אזוי, די ברכה איז דאך אויפ'ן צינדן די ליכט.

**דומ"ץ טאשנאד:** איז ווי אזוי איז שייך צו זאגן אז די ברכה איז פשט אז איך טוה מער נישט קיין מלאכה? ס'איז א קשיא וואס איז פשוט, כ'האב געקוקט און כ'האב נישט געזעהן איינער זאל רעדן פון דעם. און וועגן דעם עד היום טוט מען יעדן שבת אזוי, די נשים מאכן די ברכה נאכדעם.

**רבינו:** יא, אזוי פירט מען זיך.

**דומ"ץ טאשנאד:** און אגב אז מ'צינדט יו"ט מאכט מען יא די ברכה בעפאר דעם?

**רבינו:** יום טוב, יא.

**דומ"ץ טאשנאד:** איז דעמאלטס דארף מען שוין נישט פארשטעלן די ליכט מיט די הענט? (עי' כף החיים סי' רס"ג סעיף ה').

**רבינו:** ניין.

**דומ"ץ טאשנאד:** די פרויען מאכן נישט? כ'ווייס נישט צי די וועלט ווייסט פון דעם?

**רבינו:** ווער ס'ווייסט ווייסט.

**דומ"ץ טאשנאד:** אשה חכמת לב.

דער מטה אפרים (סי' תרכ"ה סעי' ל"ג) זאגט אז אויב מ'צינדט טאקע ביינאכט קען מען יא מאכן די ברכה פאר'ן צינדן, און מ'דארף נישט חושש זיין אזוי ווי דער מגן אברהם זאגט.

**רבינו:** יא, ווייל ס'איז אנדערש, אויף דעם האט מען זיך פארלאזט, אז ס'איז דאך ממילא אנדערש וועט מען זיך נישט טועה זיין.[51]

**דומ"ץ טאשנאד:** בקיצור מ'האט אהנגענומען אז ביידע זאכן איז אנדערש יו"ט ווי ביי שבת.

א איד האט מיר געזאגט טאקע – א גאליציאנער איד – אז ער האט אייביג געוואוסט אז אין גאליציע האט מען געצינדן ביינאכט, אין אונגארין נישט, ובפרט די אשכנזים.

**רבינו:** אבער אין גאליציע האט מען אזוי געטוהן?

**דומ"ץ טאשנאד:** יא.

**דומ"ץ דינוב:** ביי די משפחות דא איז אויך אזוי, רוב משפחות צינדן פארן זמן, און די פאהר וואס זיי צינדן ביינאכט זיי זענען גאליציאנער אייניקלעך, פוילישער אייניקלעך, זיי צינדן ביינאכט.

איך האב נישט געוואוסט אז אין סתם שטובער זאל מען צינדן ביינאכט, דער רבי האט מיר שוין אמאל געזאגט אז ביים רבי'ן ז"ל פלעגט מען צינדן ביינאכט, און כ'האב לעצטנס גערעדט מיט יונגעלייט דא דארט האב איך געזעהן אז איינער איז א פוילישער אייניקל, א גאליציאנער אייניקל זיי צינדן טאקע שפעטער.

דער אונגארישער עולם צינדט פריער.

**דומ"ץ טאשנאד:** איינער האט מיר געזאגט א ווערטל, עס קען זיין אין גאליציע האט מען עס נישט געמיינט אזוי ווייט דער ענין אין די הלכה, נאר פשוט מ'האט זיך געוואלט איינשפארן א שעה פון די ליכט. האב איך געזאגט אז ס'איז נישט אזא גרוים ווערטל, ווייל אויב ס'איז נישט געווען גענוג שמן, איז שוין טאקע דא א היתר, ווייל ס'איז אי אפשר לעשותה מבעוד יום. אבער אויב ס'איז דא א שפע, היינטיגע ליכט איז אפשר נישט אזוי.

**דומ"ץ דינוב:** היינט איז דא לאנגע ליכט, אמאל איז געווען קליינע ליכט.

**רבינו:** אזוי!? ס'איז מיר נישט ביינעפאלן אזא געדאנק, אז מ'האט געצינדן שפעט ווייל מ'שפארט זיך איין.

**דומ"ץ טאשנאד:** אבער היינט איז דא א שפע, היינט איז נישטא דער פראבלעם, אבער דער רבי זאגט אז מ'קען צינדן ביינאכט?

**רבינו:** יא, מ'צינדט דא אין שטוב (הרבנית הצ' תחי') אויך ביינאכט.

**דומ"ץ טאשנאד:** פאר'ן סדר אויך? מ'קומט אהיים פון שוהל צינדט מען קודם ליכט?

**רבינו:** יא, פאר'ן סדר צינדט מען ליכט.

**הר"ר חיים שלמה פישער הי"ו, משב"ק:** דאס איז די ערשטע 'מה נשתנה' וואס די חתנים ביים סדר פרעגן דא צווישן זיך די ערשטע נאכט,[52] פארוואס מ'צינדט

---

51 עיי' באלף למטה (סי' תרכ"ה סק"ג) שמבאר כן, דלא שייך בזה לא פלוג, שהחילוק נראה לכל, שמי שמדלקת אחר שכבר הוא לילה וכבר חל יו"ט, אין שום טעם שלא לברך קודם עשית המצוה כמו שאר המצות, וגם ליכא למטעי לעשות כן בשבת דאין זמנם שוה.

52 מדי שנה בשנה מעריך כ"ק מרן שליט"א את שני ימים הראשונים של חג הפסח, ובמיוחד הסדרים בליל התקדש חג הפסח, יחד עם מאות חתנים תלמידיו הנאמנים הקרויים בנים, סביב לשלחנו.

שפעט? ווייל דער אלגעמיינער ציבור צינדט פריה ביים זמן פון ליכט צינדן, און ווען מ'קומט אהער, פאר הונדערטער חתנים איז דאס א דבר חדש מ'זעהט אז מ'צינדט פאר'ן סדר, איז דאס די ערשטע 'מה נשתנה'.

**דומ"ץ דינוב:** כ'האב שוין אמאל געפרעגט דעם רבי'ן וועגן דעם, ביי מיין זיידן פלעגן די בחורים נישט מאכן קידוש.

**רבינו:** ווען? פסח ביינאכט?

**דומ"ץ דינוב:** ניין, סתם אזוי יעדן שבת האבן די בחורים נישט עקסטער קידוש געמאכט. האט דער רבי געזאגט פשוט ווייל ס'איז נישט געווען קיין וויין אינדערהיים... נישט אז ס'איז געווען א מנהג אזוי.

**רבינו:** אוודאי אזוי, פארוואס האט מען געמאכט אין ראפשיץ קידוש שבת בייטאג אויף בראנפן?[53] ווייל ס'איז נישט געווען קיין וויין דארט,[54] וויין איז געווען זייער א טייערע זאך אמאל, אין אונגארין איז געווען וויין, דארט איז געוואקסן טרויבן, אין גאליציע האט מען געדארפט טראגן און ברענגען, און עס האט געדארפט ווערן געמאכט דורך א איד, טראגן דורך א איד.

**דומ"ץ טאשנאד:** במילא האט מען געמעגט דארטן מאכן קידוש אויף בראנפן, אבער אז ס'איז דא וויין וואס איז דער היתר? היינט איז דאך דא וואס מאכן קידוש בייטאג אויף בראנפן.

**רבינו:** אזוי איז געווען אין צאנז און אין ראפשיץ.

**דומ"ץ טאשנאד:** כ'האב געזאגט דריי זאכן איז דא וואס מ'דארף צו פארשטיין, די וואס מאכן קידוש אזוי מיט א בראנפן גלעזל. קודם ס'איז דאך דא וויין...

**רבינו:** מ'האט א ווערטל געזאגט, אדער מאכט מען קידוש ווי א גוי (על כוס קטן), אדער טרונקט מען ווי א גוי (כוס גדול)....

**דומ"ץ טאשנאד:** כ'ווייס נישט צי ס'איז חמר מדינה, און ס'איז דאך דא וויין, און דריטנ'ס ס'איז וויינציגער ווי דער שיעור, דריי פראבלעמען האט דאס.

**רבינו:** אויף דעם דארף מען זיך פארלאזן אויפן טורי זהב (סי' ר"י סק"א).[55]

**דומ"ץ טאשנאד:** אבער אזויפיל היתרים צו ניצן בשעת ווען מ'קען מאכן קידוש געהעריג.

**רבינו:** דער שינאווער רב האט נאכגעזאגט אז דער ראפשיצער רב האט געזאגט אז מ'קען מאכן קידוש אויף ברוינפן מיט א גרויסן כוס, און מ'האט נאר געטרונקען דערפון אביסל, מ'האט אויסגעטרונקען דעם כוס צוזאמען, דורך דעם וואס די מסובין ביים טיש האבן מיטגעטרונקען.[56]

53 ביום השבת שחרית לכתחילה יין לקידוש מצוה מן המובחר כדמבואר באחרונים סי' רע"ב סק"ו, ולדעת מקצת אחרונים (כף החיים שם ס"ק נ"ה בשם מטה יהודה סק"ה), אפילו היין מצוי ביוקר אין לקדש אלא על היין ולא על השכר, ובספר כרם שלמה (שם) הביא מספר ידי משה (שיה"ש פ"א א ג), דיי"ש לא מקרי משקה כלל, דאמרינן במדרש (שם) למה נמשלו ישראל לשמן, מה שמן עולה על כל המשקין וכו', רוצה לומר אם תתן שמן על כל המשקין, השמן צף למעלה. ובי"ש אם יותן לתוך המשקה שוקע למטה, ובעל כרחך אינו בכלל המשקין. אולם בספר תוספות שבת (סי' רע"ב ס"ק י"ב) כתב דאין למדין הלכה מתוך אגדה (ראה ירושלמי פאה פ"ב ה"ד, חגיגה פ"א ה"ח), ע"כ.

אמנם בבית שערים (או"ח סי' צ"ה) דחה דבריו דאין זה בכלל אין למדין הלכה מאגדה, דהלימוד בכאן הוא ממה שהאגדה מספרת האמת והמציאות כמות שהוא. ומיהו גם הוא ז"ל דחה דברי הידי משה, דשמא רק על משקין שהם בטבע הבריאה קאמר המדרש. עוד תירץ בשם בנו, דשמא יי"ש נמי מין שמן הוא, והביא ראיה לדבריו ממה שאמרו ז"ל (תענית דף כ"ה ע"א) מי שאמר לשמן וידלוק, ויי"ש דולק, ע"ש.

וסיים הבית שערים, וכבר נהוג עלמא כהני סבא שהביא הבאר היטב (סי' ער"ב סוף סק"ז) נחלת שבעה (ח"ב סי' ל"ה) ובהלכות קטנות (ח"א סי' י'), דמקדשין בשחרית על יי"ש ואין להרהר אחריהן, ע"ש, וכך כתבו בשערי תשובה (סי' רפ"ט סק"ג) ומשנ"ב (סי' רע"ב סק"ל) בשם חיי אדם (ח"ב כלל ו' סי"ח).

54 עיי' בנמוקי אורח חיים (סי' רע"ב ס"ט סק"א) הביא הגה"ק בעל מנחת אלעזר שהאריך לבאר דבמקומות שיש להם יינות לא יקדשו אפילו ביום על יי"ש, והגה"ק מצאנז שעשה קידוש על יי"ש, הוא מפני שבמקומותיהם לא היה יין מצוי כ"כ, וכאן לא רצה לשנות מנהגו.

55 ע' לשון הטו"ז שם בסוף הס"ק: ובלא"ה יש צד דבנ"ד א"צ (רביעית דהא התוס' מספק' להו בזה נוכל לסמוך ולומר דה"ל כאלו שתה רביעית בי"ש וחייב בברכה אחרונה כנלע"ד.

56 עיי' בס' הדרת קודש שהרה"ק מנאסאד ז"ל אמר ששמע מפיו הקדוש של הרה"ק משינאווא שאמר בשם רבינו הקדוש מראפשיץ ז"ל שיכולים לקדש בבוקר בש"ק ביי"ש בשני אופנים, או לקדש על כוס גדול ולשתות רק מעט ממנו, או לקדש על כוס קטן ולשתות רוב ממנו, ויותר טוב לקדש על כוס גדול ולשתות רק מעט מאופן הא', כן שמע מפיו קדשו, ואמר על זה ק"ז ז"ל שאפשר הטעם שיותר טוב כן מחמת צירוף המסובין שהיו שם ושתו הכוס שיש ג"כ לצרף בזה דעת הי"א (בסי' רע"א סעי' י"ד) דשתיית כולם מצטרפין לכשיעור אפילו בקידוש של לילה.

וכן הביא בארחות חיים להרה"ק מספינקא (סימן ערב ס"ק ו) וז"ל: "ושמעתי מכ"ק אדמו"ח שליט"א אשר ראה בעיניו שהגאון הקדוש מהר"ח הלברשטאם מסאנץ נהג לקדש בשחרית על יי"ש ולא שתה מהכוס רק מעט מזעיר וכן הוא נוהג אחריו" עכ"ד.

**וחזרו לדבר מהענין הראשון**

**דומ"ץ טאשנאד:** וואס טוט מען אבער יא, איינער האט מיך געפרעגט א שאלה אז זיין ווייב האט א טעות געהאט, ס'איז געווען שבת מיט יו"ט צוזאמען.

**רבינו:** שבת צינדט מען דאך פריער.

**דומ"ץ טאשנאד:** פארשטייט זיך.

אבער זי האט א טעות געהאט און זי האט נישט געצינדן פרי, במילא צי מ'זאל יא זאגן פאר'ן המון עם אז מ'זאל צינדן פריה.

ס'איז געווען אזא מעשה אז עמיצער האט פארגעסן צו צינדן דורך דעם.

**רבינו:** דארף זי יעצט מוסיף זיין א ליכט, אזוי זאגט דער רמ"א (סי' רס"ג ס"א).[57]

**דומ"ץ טאשנאד:** יא, זי דארף צינדן כל ימיה נאך א ליכט, איז אפשר אזא סארט אשה זאל מאכן א קבלה אז זי זאל יא צינדן בייטאג?

און ס'איז זייער שווער פאר א אשה צוצולייגן א ליכט, כ'האב געזעהן אז מ'דארף טרעפן עפעס א היתר דערפאר, עס איז זייער שווער צו טרעפן, די פוסקים זאגן ארויס אז מ'דארף צינדן כל ימיה מוסיף זיין נאך א ליכט.

**דומ"ץ דינוב:** די פרויען נעמען דאס אהן זייער שווער.

**רבינו:** אודאי, ווייל ס'איז איר שווער צו נעמען א קנס.

**דומ"ץ טאשנאד:** ס'איז באמת א קנס.

**דומ"ץ דינוב:** היינט איז מען שוין נישט צוגעוואוינט צו קיין קנסות, ווען דעם נעמט מען דאס אזוי שווער...

**דומ"ץ טאשנאד:** די שאלה צי מ'קען היינט זאגן א היתר אז ווען ס'איז דא לעקטער און ס'איז נישט געווען טונקל אין שטוב איז עס אפשר נישט אזוי הארב? ס'איז

---

ועיי' בס' י"ג אורות (ח"א עמ' שפ"א) שסיפר האדמו"ר מהר"י מפשעווארסק ז"ל: בצאנז וכן בקאמינקא נהגו לקדש בשבת ויום טוב שחרית על יין שרף ומכוס קטן כמנהג ראפשיץ, יש אומרים שהיה בו רביעית, (ע"ע ספר פי צדיק עמ' רנד).

אבל ראיתי את הכוס שבו קידש רבינו מצאנז בצפרא דשבתא אצל הרה"צ רב יחזקאל מדוקלא אחיו של הגה"ק מקאלאשיץ, והחזיק לכל היותר ביצה בינונית שהיא פחות מרביעית, ואף מו"ח זצ"ל ראה את הכוס, ולפי דעתו היה עוד יותר קטן מביצה בינונית, אמנם מרן הדברי יחזקאל ז"ל נהג לקדש על יין כמנהג בעלזא.

ועיין במג"א (רע"ב ס"ק ט') שכתב וז"ל "שמקדשים על השכר דוקא במקום דהוי חמר מדינה וכו', ונ"ל דאין מקדשים על יי"ש אלא א"כ במדינות שרוב שתיית ההמון היא יי"ש בכל יום וכו' ועי' סימן רע"א סעיף י"ג".

וביארו הלבושי שרד והמחצית השקל שכוונת המג"א במה שרמז לסימן רע"א סי"ג, היינו לדין המובא שם שצריך לשתות רוב רביעית בלא הפסק בקידוש, וא"כ מובן שביי"ש אי אפשר לקדש כלל מכיון שאין הדרך לשתות כל כך הרבה יי"ש בלא הפסק. ובמשנה ברורה (ס"ק ל') פסק "על שכר ואם חביב לו יין שרף, יכול לקדש עליו ביום לכתחילה במדינתנו שהוא חמר מדינה, אך שיזהר ליקח כוס מחזיק רביעית ולשתות ממנו מלא לוגמיו, שהוא רוב רביעית, ובדיעבד או בשעת הדחק שאין יכול לשתות כמלא לוגמיו ואין לו יין ושאר משקין, אפילו שתיית כל המסובין מצטרפין למלא לוגמיו, וכדלעיל סימן רע"א סי"ד".

אמנם באשל אברהם (סימן ער"ב) כתב "יש ללמוד זכות על העושים קידוש על יין שרף בכלי קטן מכפי מה שכתב בצל"ח ז"ל (סוף פסחים) כי כמ"ש הט"ז ז"ל שברכה אחרונה דיי"ש היא גם על שיעור קטן, מצד שמעט ממנו נרגש הרבה, ואולי כן י"ל בזה לגבי שיעור קידוש היום וכו', ומ"מ טוב תכון ודאי לברך על כשיעור כמ"ש בצל"ח ז"ל שם, ורבים מצטרפים בשתייתן כמ"ש בשו"ע ולזה גם שקשה לשתות יי"ש כשיעור הנ"ל, מ"מ יוכל לצרף שתיות מכמה אנשים בזה כי לא נתפרש קולא הנ"ל".

וכן הביא בשו"ת מהרש"ם (ח"א סימן קע"ה) וז"ל "העיד לפני תלמיד חכם זקן שהיה בעצמו במעמד בפני הגה"ק אבד"ק ראפשיץ זצ"ל שצוה לתלמידיו לקדש ביום על יי"ש על צלוחית קטן כדרך שתייתו ואין צריך שיעור כוס, והגם שהיה לפניו יין על השולחן, אמר שמכבדהו ביי"ש כדי להורות הלכה לתלמידים, וכן הועד לפני בשם הגאון החסיד אבד"ק קאמינקא זצ"ל שנהג כן תמיד, והיינו על פי דברי הט"ז (סימן ק"ג) ומשום שכך דרך שתייתו ושביעת רצונו וכו', וכיון דשתיית יי"ש נתפשט מאד, והוי חמר מדינה לשתות כמעט לפני כל סעודה צלוחית קטן, וקשה לשתות יותר מפני חריפותו, לכן שיעורו גם לענין קידוש בכך, וכן הועד לפני בשם הרה"ק מלובלין זצ"ל". ומסיים המהרש"ם "וכדאי הם לסמוך עליהם בקידוש היום ודוקא ביין ושכר בעינן שיעור כוס עכ"ל המהרש"ם.

וכן הביא בספר פסקי תשובה (סימן ש' בהג"ה) "שמרן הקדוש זצוקללה"ה מקאצק היה מקדש ביום על כוס קטן של יי"ש".

אכן בספר דרכי חיים ושלום (אות תג) מביא שהרה"ק ממונקאטש ז"ל טען שבמקום שהיין שכיח אין לעשות קידוש על יי"ש, "ואין להביא ראיה מהצדיקים דבפולין וגאליציע שהיו מקדשים בבוקר על יי"ש, כי שם אין שכיח יין ונקרא היי"ש חמר מדינה".

וב"קצה המטה" על המטה אפרים (סימן תרכה ס"ק צט) מסיים את הענין "להרים ראש על הנוהגין להקל בזה ולעשות קידוש על יי"ש שטעו ח"ו לומר כן אחרי שנראה שעשו כן גדולי עולם זצ"ל והנח להם לישראל". וכידוע אצל רבותיה"ק נבג"מ לא הי' המנהג לקדש על יי"ש בשבת ויו"ט כלל רק על יין.

57 עיי' ברמ"א (סי' רס"ג ס"א) שכתב: האשה ששכחה פעם אחת להדליק מדלקת כל ימיה ג' נרות, כ"כ בשם המהרי"ל.

ובמשנ"ב (שם סק"ז) כתב דמיירי בשהיתה רגילה בשנים, ואם היתה רגילה בשלשה צריכה להדליק כל ימיה ד'.

דאך דא צוויי טעמים פארוואס מ'צינדט ליכט, אדער פאר כבוד שבת, אדער שלא יכשל בעץ או באבן.

**רבינו:** ווילט איר זאגט אז כאטשיג דער חלק פון שלא יכשל איז געווען וויל ס'איז דא לעקטער.

**דומ"ץ טאשנאד:** אפשר קען מען אזוי זאגן אלס א שטיקל היתר.

וועגן די פריערדיגע קשיא פון קבלת שבת ווען מ'מאכט שבת א ברכה 'להדליק נר שבת', האב איך געהערט פון מיין טאטן דער טאשנאדער רב, האט ער געזאגט א תירוץ אז עס קען זיין אז מ'וועט מעגן צינדן נאר איין ליכט, וויל ס'איז דאך מעכב נאר איין ליכט על פי הלכה, איינס אדער אפשר צוויי אליין זכור ושמור, איז אפשר אז מ'זאגט די ברכה מיינט דאס אז מ'מעג טאקע צינדן אבער נאר וויפיל מ'מוז, במילא לייגט מען אריין די ברכה נאכדעם וואס דאס מיינט אז כ'האב זיכער נישט מקבל שבת געווען.

**רבינו:** ס'איז דא אן אינטערסאנטע חידוש פון רבי שלמה קלוגער וואס ער זאגט אויך אזוי אויף דעם ענין פון טומאה הותרה בציבור, מ'פרעגט דאך די קשיא וואס איז געווען דער צורך הנס ביי חנוכה, ס'איז דאך טומאה הותרה בציבור, זאגט ער אז אליין טומאה הותרה בציבור איז גענוג צו צינדן אין די מנורה נאר איין ליכט, נישט אלע זיבן.[58]

**דומ"ץ טאשנאד:** אזוי?! נישט אלע זיבן? די תורה זאגט דאך בפירוש מ'זאל צינדן זיבן ליכט.

**רבינו:** אזוי זאגט ער, אויף איין פלאץ שטייט אין פסוק להעלות נר תמיד. זאגט ער 'להעלות נר' איין ליכט 'תמיד' דאס איז ווען ס'איז בטומאה.

דער רי"ם (חידושי הרי"ם) זאגט אויך אזוי כלפי די מנורה, אז ס'איז גענוג צו צינדן איין ליכט.[59]

**דומ"ץ טאשנאד:** איז פארענטפערט די גאנצע קשיא, דארף מען שוין נישט זאגן די אלע תירוצים אויפן פני יהושע.

**רבינו:** יא, אזוי פארענטפערט עס רבי שלמה קלוגער אין ספר החיים (על שו"ע חלק או"ח, דף תתתר"י).

**דומ"ץ דינוב:** ס'איז דא א ענדליכע זאך, אויף דעם ערשטן טאג ספירה (בליל שני של יו"ט) פרעגן דאך אלע די קשיא, מ'ציילט דאך נישט קיין ספירה וועגן ספיקא דיומא, וויל לכאורה איז עס דאך א בזיון פאר'ן יו"ט, וויל אז מ'ציילט ספירה איז פשט סאיז שוין חול המועד, אלע ראשונים ברענגען עס אראפ, נאר וואס דען ס'איז א חיוב, מ'מוז דאך ציילן.

**רבינו:** יא, מ'ציילט דאך נאכ'ן סדר, אז נישט איז עס א תרתי דסתרי, די זעלבע סיבה, וויל אז מ'ציילט איז פשט ס'איז שוין חול המועד.

**דומ"ץ דינוב:** יא, האב איך געזעהן דער מנחת אלעזר אין שער יששכר (ליום ב' דפסח אות ד') זאגט ער, אז דער מנהג וואס מענטשן פירן זיך צו זאגן אסאך מאל די ספירת העומר, אז דעם ערשטן טאג טאר מען דאס נישט טאהן, וויל דאס איז מען דאך שוין נישט מחויב, דעם זעלבן חידוש, מ'טאר נישט פארשעמען דעם יו"ט,

58 ע' בספר החיים להגאון רבי שלמה קלוגער (עמוד תתתר"י) לתרץ, דעיקר ילפותא של התורת כהנים והרמב"ם (פ"ג מהל' תמידין ומוספין ה"י) דהנרות דוחין טומאה הוא ממה שנאמר (ויקרא כד, ב) להעלות נר תמיד, אם כן י"ל דאין לך אלא מה שריבתה תורה בפירוש, והיינו נר דכתיב בתורה לשון יחיד, ורק נר אחד דוחה טומאה ולא יותר. והגם דאמרינן (מנחות כה.) הנרות מעכבין זה את זה, היינו רק בגוף עשייתן, אבל בהדלקתן יש לומר דאין מעכבין זה את זה, וכהא דאמרינן (מנחות קג:) כל הראוי לבילה אין בילה מעכבת בו, ומשום הכי רק אחד דחי טומאה ולא יותר, עכ"ד.

59 עיי' בס' כלי חמדה (פר' פקודי ופר' במדבר אות ה') בשם בעל האבני נזר והחידושי הרי"מ שאין שבעת הנרות מעכבים זה את זה, ואף שבמנחות (כה.) מצאנו ששבעת קני המנורה מעכבים זה את זה, היינו רק דבעינן מנורה עם שבעת קנים, אבל להדליק מספיק נר אחד, ע"ש.

והשפת אמת (שבת כב: ד"ה סוף) והאמרי אמת (ליקוטים שבת כא: ד"ה נעשה, ובליקוטי יהודה פר' במדבר) הביאו ראיה לחידושי הרי"מ שאין הדלקת כל הנרות מעכבת מהגמרא בשבת (שם) שמבואר בה שיש ביזוי מצוה כשמדליק מנר מנורה אחד לחבירו, ואם כל הנרות מעכבים זה את זה, נמצא שכל הנרות הם מצוה אחת, ולא שייך ביזוי מצוה לפני שגמר כולם.

עוד כתב האמרי אמת (שם) שלפי דברי החידושי הרי"מ מיושבת הקושיה הידועה של הבית יוסף (או"ח תרע"א) מדוע קבעו שמונה ימים לחנוכה, הרי היה שמן בפך ללילה אחד, ונמצא שהנס היה רק בשבעה לילות, ולפי זה מיושב שלא היה בפך אלא כשיעור 'נר' אחד, שהוא השיעור המעכב, ונעשה נס והדליקו ממנו את כל שבעת הנרות, ונמצא שהיה נס גם ביום הראשון.

ועי' בקובץ צוהר (גליון י"ד מביא כת"י מהגאון רבי פנחס הלוי ביליצער ז"ל בעמח"ס גבעת פנחס גאב"ד סערענטש) שכתב כן על קושיית הב"י, וז"ל: ונראה דבתורתינו הקדושה כתיב להעלות נר תמיד, לא כתוב אלא נר אחד ואח"כ כתיב יאירו הנרות, ופירש"י דקאי על נר המערבי, להעלות נר תמיד, והיה נראה לע"ד לומר המצוה הוא נר אחד היינו הנר המערבי, רק שבעת הנרות הוא ג"כ בכלל מצוה, אבל לא לעכב, ומוטב שידלוק היום אחד וגם למחר אחד כל ז' לילות, משידלוק היום כל השבעה נרות ולמחר לא ידלוק כלל, עיי"ש מה שהאריך ליישב בזה.

איז איינמאל מוז מען דאך ווייל מ'איז מחויב, אבער פון דארט און ווייטער טאר מען שוין נישט זאגן מער ווי איין מאל.[60]

**דומ"ץ טאשנאד:** דער מנחת אלעזר האט יא געציילט ספירה פאר'ן סדר, גלייך נאך מעריב.[61] ס'איז געווען נאך פלעצער ביי חסידים וואו מ'האט זיך געפירט אזוי?

**רבינו:** אין מונקאטש ווייסט מען טוט מען אזוי.

**דומ"ץ דינוב:** אין חב"ד ציילט מען אויך פאר'ן סדר.

**דומ"ץ טאשנאד:** פארוואס איז ביי חסידים געווען אזא וויכטיגע זאך צו ציילן ספירה נאכ'ן סדר?

**רבינו:** על פי קבלה איז עס אזוי אויסגעהאלטן.[62]

**דומ"ץ דינוב:** ביידע האבן געהאלטן על פי קבלה.

**רבינו:** ער (הגה"ק ממונקאטש ז"ל) האט געזאגט אז אין רש"ש שטייט אזוי.[63]

---

60 ע"ש בשער יששכר מהש"כ בזה"ל: אמנם זהו מנהגי (הצעיר בישראל) כי בימות ספה"ע אשר דרכינו לספור כ"פ ביום בלי ברכה כמ"ש בשם הגה"ק רבינו הררמ"מ מרימנוב זי"ע ומובא בשו"ת מראה יחזקאל (סי' קד) עיי"ש, ובקצת ספרים כ' בשם הקדוש הנ"ל לספור עכ"פ עשרה פעמים ביום בזמנים שיזכור א"ע, אך ביום הראשון לספה"ע שהוא יו"ט ב' דפסח מפני כבוד יו"ט, דבריהם עי' לעיל מלשון הראב"ד בתמים דעות, ומובא במג"א שהקשו למה לא יספרו בליל א' בלא ברכה מפני כבוד יו"ט שני, אך להלכה אינו כן, ושאנו סופרים בברכה בליל א' (היינו ליל ב' דיו"ט) אחרי ערבית מיד כנ"ל, אך אז אינני סופר רק כחיובא פ"א אז, ולא עוד כל הלילה והיום כלל, מפני כבוד יו"ט כנז', ומיד אח"ז היינו בליל ב' ויומו דספה"ע אז כבר הנני נוהג בעז"ה (עכ"פ בזה המקצת) כמדת חסידות של רבינו הקדוש ואבותינו הקדושים כנ"ל, לספר כ"פ בכל יום ואולי עד עשרה פעמין ולפעמים יותר.

61 עי' בס' שער יששכר להגה"ק ממונקאטש ז"ל (ליום ב' דפסח אות ב') שהאריך לברר על פי הלכה ועל פי סוד לספור ספירת העומר בליל ב' דפסח אחר תפלת ערבית, כמבואר בספר הקדוש נהר שלום להגאון הקדוש מהר"ש שרעבי זצ"ל, ושכן היה מנהג אבותיו הקדושים וזקינו הגאון הקדוש בעל בני יששכר זי"ע, ועי' בס' מנחת עומר במגישי מנחה שם (אות כ"ה-כ"ח) באריכות מזה, והביא מש"כ בסו"ס אמרי נועם (עה"ת ה"ב), ובספר פתחא זוטא (סי' ט"ו אות ז') ובתולדות קול ארי' (עמוד פ"ב אות ה').

אמנם יש לציין שבהגדש"פ 'שם ישראל' (בסופו 'דיני פסח ויו"ט והוה"מ' אות ח') כותב: וכן שמעתי מפי הגה"צ מסאפינקא זצ"ל בעהמ"ח אמרי יוסף ששאל אותו הגה"ק מצאנז זצ"ל היתכן כי הרה"ק רש"ש שהי' מקור הקבלה יסבור לספור קודם הסדר, והשיב לו, כי הרש"ש לשיטתו דסובר דספירה בזה דאורייתא, וא"כ כיון דהסדר בליל ב' הוא דרבנן שפיר יש להקדים דאורייתא לדרבנן, משא"כ לדירן דקיי"ל ספירה בזה דרבנן עכ"ל. ומשמע קצת שדעת הרה"ק מצאנז היה לספור לאחר הסדר, ע"ש.

ולפלא לציין מה שמובא בספר קדושת אהרן נדפס מכתב מהרה"ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא וז"ל: אאמו"ר הרה"ק בעל היכל הברכה זלה"ה בימי חורפו היה סופר אחר גמר הסדר, וכערך שנים עשר שנים קודם פטירתו התחיל לספור תיכף אחר תפילת ערבית, ואמר, הגם שיש דיעות שונות בזה ,אולם הרב הקדוש וכו' הריב"ש טוב זלה"ה הנהיג את עצמו כן נגד כל הדיעות, ודעת קדשו מכריע את כולם, ואחריו רבינו הקדוש מו"ה יחיאל מיכל מזלאטשיב זלה"ה היה מנהגו כמו כן, וכן אני נוהג את עצמי גם כן, וכן נכון לעשות... עכ"ל.

62 דהנה בשו"ע (סי' תפ"ט ס"א) איתא 'בליל שני אחר תפלת ערבית מתחילין לספור העומר', וכך מבואר גם בטור 'ערבית אחר התפילה מתחילין לספור העומר', וזמן הספירה מתחילת הלילה ואפילו אינו לילה ממש אלא ספק חשיכה יכולין לספור.

וכ"כ רב סעדיה גאון בסידורו שכותב: להתחיל 'מיד' לאחר התפילה, ומן ליל שני של פסח חייבים להתחיל בספירת ימי העומר אחרי גמר תפלת מעריב בליל ט"ו בניסן.

ולא עוד אלא הרי"ץ גיאות בספרו 'שערי שמחה' כותב שכך מנהג כל ישראל, וכן הלכה, וכן הרוקח כ' במפורש ברכת העומר בליל שני של פסח שהוא י"ו בניסן מברך לאחר כל תפלתו בלילה. והמאירי (שם) אף מחדש שאם שכחו וקידשו היום בכוס כבר אי אפשר לספור בברכה, וז"ל: ועוד אני אומר שהספירה קודם קידוש היא, ואעפ"י שעשינוהו חול רשאים אנו לעשותו קודש, הא אם קידש תחלה אף אני אומר שלא יספור בברכה אחר שעשאו קודש, ואעפ"י שכבר נקדש בתפלה לא נעשה אלא בחשאי, עיי"ש.

והמקור הראשון לספור ספירת העומר לאחר הסדר הוא בספר הק' מעין גנים מהרמ"ע מפאנו המקובל הגדול שהפיץ תורת האריז"ל וכותב: ואין מברכין על ספירת העומר תחלה בליל פסח כי אם אחרי גמר הסדר כלו עד סוף ברכה אחרונה לכוס ד', דעהו וזכרהו.

ובאמת הרמ"ע מפאנו אינו נותן טעם לדבריו, אולם בהגהות לפרי עץ חיים כתוב בטעם המנהג וז"ל: כתב הרמ"ע אין לספור עומר בליל ב' עד אחר גמר כל הסדר כולו תחלה, ונראין דבריו שהרי בחי' הסדר הם כל פרטי המוחין, והעומר פרט א' לבד, ואיך נהפך סדר הדברים עד כאן מצאתי.

והחיד"א בספרו חיים שאל כתב וז"ל: ועתה זכני ה' שבא לידי סדור עיר וקדיש הרב השלם מהר"ם זכות ז"ל, מכתיבת ידו הקדושה, וראיתי לו ז"ל שכתב בפה מלא להזהיר לאשר הריחו בסוד ה', שבחו"ל ביו"ט ב' של פסח יעשו כל הסדר עד גמירא, ואח"כ יספרו העומר, וכתב כן משם הרב המקובל המפורסם בעל מצת שמורים ז"ל.

ואגב, מן הענין לציין שהגאון היעב"ץ ז"ל (בשו"ת שאילת יעב"ץ סי' פ"ג) כותב לשונות חריפים על המנהג לספור אחר הסדר, כי הוא חשב שמקורו הוא מהס' חמדת הימים אשר הוא לחם נגד הספר הזה כידוע, אך בשער יששכר כבר כתב שהיעב"ץ טעה במחכ"ת כי הוא מנהג קדום ונזכר כבר בדברי הרמ"ע מפאנו, ובאמת בזמן היעב"ץ עדיין לא הודפס ספר מעין גנים מהרמ"ע.

63 דבשער יששכר (שם) מביא שם עוד ששמע ממגידי אמת ומגדולי תלמידי הגה"ק בעל דברי חיים זי"ע מצאנז אם כי נהג כמנהג רבותיו זצ"ל לספור אחר הסדר, עכ"ז בצאת לאורה ונתפשט במדינתנו הס' נהר שלום הנ"ל, והגיע למראה עיניו הקדושים אז הגיד בפה קדשו, כי לולא שנהג הוא כך זה כביר עפ"י מנהג רבותיו הקדושים, וגם שהגיע כבר לעת זקנתו וקשה לו לשנות דרכי ומנהגו, אבל לולא זאת הי' מתחיל לספור אחר תפלת ערבית כדברי הנהר שלום, עכתד"ה בזה. ועי' בספרו נימוקי או"ח (בסי' תפ"ט), ובדרכי חיים ושלום (אות תרכ"ד).

**רבינו הראה על הרה"ג דומ"ץ דינוב ואמר:** ער איז דאך שוין היינט א מונקאטשער (עם התמנותו לכהן כדומ"ץ ביהמ"ד דינוב בקרית יואל).....

**רח"ש:** ער שטאמט דאך פון מונקאטשער חסידים.

**דומ"ץ דינוב:** די מונקאטשער תורות האב איך געלערנט וועגן דעם.

סיי מיין זיידע ר' הערשל קעסטענבוים, און סיי מיין זיידע ר' יצחק שטערן אויך. אבער מיין זיידע ר' הערשל קעסטענבוים איז געווען שארפער, ווען ער האט מיר געזעהן דאווענען אין אן אנדערן סידור האב איך געכאפט פון אים א פסק...

**רבינו:** די שטערן'ס זענען אויך געווען מונקאטשער?

**דומ"ץ דינוב:** יא, מ'האט זיי פארטריבן פון מונקאטש, מיין זיידע דעם גבעת שאול'ער רב'ס טאטע ר' אפרים, זיין טאטע איז בעיקר געווען א שטארקער מונקאטשער חסיד, נאך פונעם דרכי תשובה, ער האט געוואוינט אין סאטמאר, אבער בעצם איז ער געווען א מונקאטשער.

**דומ"ץ טאשנאד:** דער מהר"ם בריסק דער טאשנאדער רב איז אויך געפארן קיין מונקאטש,[64] אונז האבן מיר אסאך מנהגים פון מונקאטש, מ'זאגט ביי אונז שבת 'הכל יודוך' פסוק בפסוק, אין וויזניץ איז אויך אזוי. אבער אונז האמיר עס פון מונקאטש.

**רבינו:** אין סיגוט האט מען אויך געזאגט פסוק ביי פסוק.[65]

**דומ"ץ טאשנאד:** מ'פירט זיך נאך היינט אזוי?

**דומ"ץ דינוב:** ווען דער רבי דאווענט פאר'ן עמוד, עכט האט מען אייביג געזאגט, נאר מ'האט זיך געיאגט אביסל האט מען געטוישט אז נאר ווען דער רבי דאווענט זאגט מען פסוק בפסוק, אבער ארגינעל איז דער מנהג אזוי געווען.

**רבינו:** ביי אלע חסידישע הויפן האט מען זיך אזוי געפירט, מ'האט געזאגט 'הכל יודוך' פסוק בפסוק.

**דומ"ץ דינוב:** אין זידיטשויב אויך, און צאנז אויך.

**דומ"ץ טאשנאד:** און ווער זאגט קודם, דער ציבור צי דער בעל תפילה?

**רבינו:** קודם דער בעל תפילה, אין זידיטשויב דאכט'זיך מיר איז עם פארקערט.

**דומ"ץ טאשנאד:** אין מונקאטש מיין איך איז אויך פארקערט. עכ"פ ביי אונז איז פארקערט.

**דומ"ץ דינוב:** אין מונקאטש זאגט יא קודם דער בעל תפילה, אזוי ווי אין צאנז. אין מונקאטש איז עס געקומען פון שינאווא, און שינאווא קומט פון צאנז.

*

**דומ"ץ טאשנאד:** נאך א אינטערסאנטע שאלה וואס כ'האב גערעדט ביים שיעור איז געווען וועגן די וויין, עס דארף דאך זיין רויטע וויין ביים סדר נאכט,[66] להדר ליקח יין אדום, און פון די אנדערע זייט ביי הלכות ברכות (סי' קע"ה) איז די הלכה אז יין לבן איז מער משובח,[67] אפילו ווען ס'איז גרוע מאכט מען אויף דעם

---

64 יש לציין שהגאון בעל הדרכי תשובה ממונקאטש זצ"ל כותב בהסכמתו לספרו של המהר"ם בריסק ...הרה"ג החריף ובקי ותיק וחסיד 'ידידי' מו"ה מרדכי נ"י'...

ויש לציין מה שסיפר הגה"ח ר' שלמה חיים בערנשטיין ז"ל מפה ב"ב שנסע עם רבו המהר"ם בריסק זצ"ל (והיה חתן עם בתו של הגאון הנ"ל, אך בהמלחמה נעקד"ה ארוסתו) לבקר אצל המנח"א, והמעשה היה, שפע"א הגיע הגה"ק המנחת אלעזר ז"ל בסביבות העיר טאשנאד, והיה אמור שהמנח"א יעצור לבקר בעיר טאשנאד, אך על המקורבים היה טינא על המהר"ם בריסק כי עמד לצידו של רביה"ק מסאטמאר בפרשת העיר קראלי, ע"כ עשו תתחבולות שהמנח"א לא יכנס לבקר בהעיר, ושבת בעיר סמוכה לטאשנאד.

וביום הראשון נסע המהר"ם בריסק לקבל פני המנח"א, והוא נתלוה לרבו והגיע אחר תפילת שחרית כשהמנח"א היה עדיין עטור בטלית ותפילין בביהמ"ד אחר התפילה, וניגש לקבל שלום ברוב כבוד ויקר, והמנח"א קיבלו בסבר פנים, ושאל לו 'אי מלכא אנא אמאי עד השתא לא אתית לגבאי' (והוא לשון הגמ' בגיטין נו. ששאל אספיינוס קיסר לר' יוחנן), דהיינו שתמה על שהגאון מטאשנאד לא הגיע לשבות אצלו בשבת, והשיב לו הגאון מטאשנאד בשנינות: איך האב טאקע די זעלבע סיבה ווי ר' יוחנן (בגיטין שם) 'משום הני בריוני'... ודפח"ח.

65 סמך למנהג כמו דאיתא בנוסח ספרד דאומרים אותו פסוק בפסוק בניגון מובא במנהגים דק"ק וורמיישא (עמ' רלד), ועיי"ש בהג"ה דהביא דזה הי' מנהג מקובל בכל קהילות אשכנז (יוסף אומץ סי' תר"פ).

66 עיין בגמ' פסחים (קח:) רבי יהודה אומר צריך שיהא בו טעם ומראה. וכ"ה בירושלמי (פ"ג דשקלים ה"ב, ופסחים פ"י ה"א) שמצוה לחזר אחר יין אדום, ומביאו הטור להלכה (סי' תע"ב), והב"י (שם) כתב שדעת הרמב"ן (ב"ב צ"ח ד"ה חמר) סבר דאפילו בדיעבד אם קידש ביין לבן לא יצא, אבל אין כן דעת רבינו אלא דלכתחילה נמי מקדשים בו, שהרי אחד מד' כוסות הוא כוס של קידוש, וקאמר שאם הלבן משובח מן האדום הוא קודם, וכ"כ הרוקח (סי' רפ"ג) ודעת הרי"ף והרמב"ם והרא"ש דלא כהרמב"ן.

וכן נפסק בשו"ע (סי' תע"ב סעיף י"א), שו"ע הרב (שם סעיף כ"ו) שיהדר אחר יין אדום למצות ארבע כוסות, אם אין היין לבן טוב ממנו.

67 עיי' בסימן קע"ה (ס"ב) כתב הרמ"א דאפילו היין הלבן גרוע מיין האדום יכול לברך עליו הטוב והמטיב, כיון דהוי יותר בריא לגוף מיין אדום.

'הטוב והמטיב'. סיי אין הלכות פסח און סיי אין הלכות שבת איז יין אדום משובח, אם אין הלבן משובח ממנו, אבער די וויין דארף צו זיין רויט.

**רבינו:** יא, אל תרא יין כי יתאדם (משלי כג).[68] דער פייט זאגט דאך אויך דאס לשון (יוצר לשבת הגדול) יין כי יתאדם למצוה הוא מוקדם'.

**דומ"ץ דינוב:** יא, אבער אין הלכות ברכות איז לבן משובח, ווייל ס'איז בריא לגוף יותר, אזוי ברענגט דער רמ"א, בשם מקורות דער מרדכי און דער רבינו תם,[69] לכאורה זעהט דאס אויס ווי א סתירה, וועלכע וויין איז בעסער, דאס איז איין קשיא.

**רבינו:** פארוואס איז יין אדום? ווייל ס'איז דומה לדם, דאס איז איינע פון די טעמים, איז כלפי פסח דאס א הידור.[70]

**דומ"ץ טאשנאד:** און מיט דעם אלעם אויב דער לבן איז משובח יותר איז עס נאך אלץ פריער. און יין לבן איז דאך בריא לגוף יותר, זעהט אויס פון דא אז בריא מיט משובח גייט נישט צוזאמען, יין משובח איז איין זאך, און בריא לגוף איז א צווייטע זאך, און ביי הטוב והמטיב דארף מען קוקן אויף געזונט, ס'איז א חידוש.[71]

און נאך א זאך, וועגן מישן וויין, ס'איז דא אזעלכע וואס מישן, מ'נעמט אביסל רויטע און מ'גיסט צו ווייסע, איז די ווארט איז אז מ'פארבט די וויין זאל זיין רויט? ניין, ווייל קיינער האלט נישט אז מ'קען אריין לייגן קאלערינג, ווייל עס דארף דאך צו זיין דייקא רויטע וויין. די ווארט איז ווייל דא איז דא רויטע וויין חוץ פון די ווייסע, נישט ווייל מ'פארבט עס. במילא די שאלה וואס די פוסקים רעדן לגבי צביעה באוכלים, איז נישט קיין פראבלעם, ער מיינט נישט צו צובע זיין,[72] ער וויל

---

והביא המג"א (ס"ק ג') בשם הב"ח ונפסק במשנ"ב (ס"ק י"ג) דאם שתה לבן תחלה ואח"כ אדום שהוא משובח יותר מברך, ומדייק המג"א משמע 'דבסתם אינו מברך'. הרי דאם אינו יודע אם האדום משובח או לא אין יכול לברך.

68 עיי' בהטו"ז (סי' תע"ב ס"ק ט') הביא טעם יין אדום דכתיב אל תרא יין כי יתאדם.

69 כתוב במרדכי (ערבי פסחים עמוד לה:) לכ"נ לר"ת דמברך הטוב והמטיב אפילו האחרון גרוע יותר מן הראשון, לפי שעל ריבוי יינות מברך הטוב והמטיב, ובלבד שלא יהא גרוע יותר מדאי מן הראשון, אבל יין לבן מברך הטוב והמטיב, אפילו גרוע הרבה יותר מן הראשון לפי שהוא יותר בריא לגוף.

70 עיי' באו"ז הל' פסחים (דף נ"ט) יין אדום זכר לדבר שהיה פרעה שוחט תינוקות כשנצטרע, ועוד, זכר לדם פסח ולדם מילה, ומצוה ומן המובחר ביין אדום זכר לדם שהיו על המשקוף והמזוזות במצרים. והט"ז (סי' תע"ב ס"ק ט') הביא טעם יין אדום דכתיב אל תרא יין כי יתאדם, וכתב עוד והא דהקפיד הטור כאן בד' כוסות בזה ולא בקידוש בסי' ער"ב, דיש עוד רמז לאדום, זכר לדם שהיה פרעה שוחט בני ישראל, ועיי"ש מג"א (שם ס"ק י"ג) שו"ע הרב (שם סעיף כ"ו).

ומן הענין לציין מצינו כמה טעמים בזה: טעם א) לפי ששבחו של יין כשהוא אדום, שנאמר (משלי כג, לא) "אל תרא יין כי יתאדם", וחזינן מיניה שיין אדום הוא יין יותר משובח (ירושלמי שם). טעם ב) זכר לדם שהיה פרעה שוחט את ילדי ישראל (כלבו). טעם ג) זכר לדם קרבן פסח ודם מילה שבזכותם נגאלו אבותינו ממצרים (אור זרוע סימן רנו). טעם ד) זכר למכת דם במצרים (פרמ"ג סימן תעב א"א סקי"ג). טעם ד) לרמוז על העתיד לבוא, שנאמר (ישעיה סג, א - ב) "מי זה בא מאדום... מדוע אדום לבושך" (כף החיים סימן תעב ס"ק עח). טעם ה) זכר לדם שנתנו ישראל על המשקוף והמזוזות (קמחא דאבישונא).

71 ויש לציין שבשו"ת מקדש ישראל (פסח - סי' שס"ז) מביא הערה מחכ"א שמה שכתבו הפוסקים שיין אדום המשובח, אין הכוונה שמהות יין זה משובח דאדרבה מבואר בכמה מקומות בחז"ל שיין לבן משובח יותר להגוף. רק הכוונה שיין כשהוא אדום הוא מושכת אליו היין לשתות ממנה ולהשתכר בה, כדילפינן לה מקרא 'אל תרא יין כי יתאדם' דמשמע שהצבע האדום הוא הכח המושך, וממילא גם לטעם זה מהני מה שמערב יין אדום ליין לבן, כדי שיהי' לו מראה אדום.

וסמך לדבריו ממה דאיתא בסידור היעב"ץ ליקח להד' כוסות 'כוס של זכוכית' משום אל תרא יין כי יתאדם, 'כי יתן בכוס עינו', עכ"ל. שמע מינה דשבח הוא ליהנות גם ממראיתו וטוב מראה עינים.

שוב התבוננתי שמלשון הגמ' פסחים (דף קח:) משמע שהעיקר שיהיה להיין מראה, דאיתא התם רבי יהודה אומר צריך שיהא בו טעם 'ומראה', אמר רבא מאי טעמא דרבי יהודה, דכתיב אל תרא יין כי יתאדם. ועיי"ש ברש"י כי יתאדם - אלמא יין מראה בעי, הרי עיקר ההדגשה שיהיה לו מראה יהיה מה שיהיה, עכ"ד.

72 הנה בשו"ע או"ח סי' ש"כ סעיפים י"ט כ' נפסק דאין צביעה באוכלין, והוא הדין דאין צביעה במשקין, וכדמפורש יוצא מהרמ"א בד"מ בטור בס"ק ב' שכותב וז"ל ושמעתי מא"א ש"ן ששמע ממהור"ר אברהם מינץ דאסור ליתן יין אדום לתוך יין לבן בשבת משום צובע, אבל לפי דברי בעל יראים דאין צביעה באוכלין נראה דזה ג"כ שרי עכ"ל, הרי שפתי הד"מ ברור מללו, דלפי דברי היראים דאין צביעה באוכלין [שממנו הוא מקור הדין הנ"ל של השו"ע כמבואר בב"י שם] הוא הדין נמי דאין צביעה במשקין, וכך כותב בפשיטות גם הפרמ"ג בא"א ס"ק כ"ה דאין צביעה באוכלין ומשקין, ומותר ליתן כרכום בתבשיל רוטב וכן יין אדום ללבן שיתאדם וכותב שגם משטמ"ק ביצה כ"ג משמע בפשיטות דבאוכלין ומשקין לית צביעה עיין שם.

וכהנ"ל דאין צביעה באוכלין ומשקין היא הדעה המהלכת ברוב הפוסקים, וכך סותם לפסוק המשנ"ב בסי' שי"ח ס"ק ל"ט ושער הציון ס"ק ס"ד, ורק מהיות טוב וכשאפשרי הדבר מוסיף לכתוב בשעה"צ שם בס"ק ס"ה דיש להשתדל לצאת גם דעת החוששים לצביעה כדיעו"ש. וכ"כ גם הערוה"ש בסעי' ז' בפשיטות דקיי"ל דאין צביעה באוכלין ע"ש, ועי' בקצות השלחן ח"ח סי' קמ"ו סעי' ח' בבדי השלחן.

האבן אביסל רויטע וויין וויפיל ער דארף האבן, און די איבעריגע איז ער מוזג.

**רבינו:** ער קען צוגיסן וואסער, ער קען צוגיסן וויין.[73]

**דומ"ץ דינוב:** א גרויסער טייל פון די היינטיגע רויטע וויין איז בעצם ווייסע וויין נאר מ'גיסט אריין אביסל רויטע וויין. די רויטע וויין וואס מ'קויפט היינט, איז דא אסאך פון די וויינען וואס זענען בעצם ווייסע וויין.

**רבינו:** נאך אין די פאבריק, זיי פארבן עס?

**דומ"ץ דינוב:** יא, זיי לייגן אריין אביסל רויטע וויין פאר מ'פארקויפט עס כ'זאל באקומען א רויטע פארב. כ'האב דאס געהערט פון צוויי סוחרים. בעצם איז דא אסאך וויינען וואס זענען אזוי, נישט נאר מענטשן פריוואט טוהן עס אזוי, נאר די סוחרים מאכן עס לכתחילה אזוי.

**רבינו:** אין ערוגת הבושם (סי' צ"ט) איז דא א תשובה אז מ'פלעגט רויט מאכן די וויין, וועגן חשש חמץ.[74]

**דומ"ץ טאשנאד:** איז ווי אזוי ווייסט מען אז זיי פארבן עס נישט, אפשר לייגט מען אריין דארט פוד קאלערינג? מ'דארף דאך וויסן צי ס'איז באמת רויט, ווייל יין כי יתאדם איז נישט די פארב, ס'איז באמת א יין משובח, ס'איז א אנדערע וויין, ס'איז די שאלעכטיץ, כ'האב גערעדט מיט ר' מיכאל הערצאג (מבעלי הרושת יין 'קדם'), מ'מאכט דאס פון אנדערע טרויבן אינגאנצן.

**רבינו:** עס ווענדט זיך אין די זון, טרויבן אז ס'שיינט די זון, אז ס'איז א קלארער הימל און די זון איז שארף, דעמאלטס איז עס טונקעלער, און אז ס'איז פארוואלקנט דעמאלטס איז עס לעכטיגער.

**דומ"ץ טאשנאד:** עס ווענדט זיך אויך ווי אזוי מ'מאכט די וויין, מ'קען אויך ארויס נעמען די שאלעכטץ פאר מ'לאזט עס קאכן, דעמאלטס ווערט עס נישט רויט, און זיי קאנטראלירן די פארבן.

דער קצות השולחן (סי' פ' סק"א) זאגט אז די ווייסע וויינען – וואס זיי רופן היינט ווייסע וויינען – אסאך פון זיי זענען רויט, די פינקע וויין אין די געשעפטן די אלע הייסן ווייסע, נאר רויט רויט פורפל דאס רופט מען רויט, אבער באמת עפ"י הלכה זאגט ער פארקערט, דאס הייסט יא רויט, די פינקע. ס'איז דא אפילו וואס זאגן אויף די געלע אויך, אזוי איז די משמעות פון די ראשונים, ווייל די ראשונים זאגן ס'איז דא א סתירה אין די גמרא אין בבא בתרא צווישן חמר חוורין וואס איז נישט גוט, און די אנדערע וואס איז יא גוט, איז דא ראשונים וואס זאגן אז עס ווענדט זיך, נאר לבן כשלג איז נישט גוט.

**רבינו:** תוס' (פסחים קח: ד"ה אל תרא וכו') דערמאנט דאס אויך דארט. [היינו שהרשב"ם בבבא בתרא כ' שהאודם בהיין היא לגריעותא].

**דומ"ץ טאשנאד:** לויט דעם איז די געלע וויין איז נאכנישט ווייס.

**רבינו:** אבער די מעלה פון דומה לדם האט עס לכאורה נישט. אפשר אז מ'מישט עס אוים ווערט עס שוין דומה לדם אויך.[75]

---

אולם בשו"ת רב פעלים (ח"ג סימן יא) מחלק בין אוכלין למשקין, ומסקנתו להלכה, דהרב מהר"י חאגיז ז"ל ומהר"ם חיון ז"ל חשו להדיה בנותן דבר הצובע לתוך המים, ואין מדברי מרן ודברי רמ"א סתירה לדבריהם וכאשר כתבנו, כי מרן יודה במטיל לתוך המים דאסור, ורמ"א לא התיר אלא ביין דמדמי ליה לאוכלים דלא אורחייהו בצביעה, מיהו הרב מהר"א מינץ שהביא רמ"א חש גם ביין לבן, וכ"ש דאוסר במים, הרי כמה גדולים איכא דאוסרין במים, וכן סבר נמי בחסד לאלפים, ורק הגאון חכם צבי ומש"ז וטל אורות מקילין הצביעה גם המים, וכבר בררנו לעיל דראיות חכם צבי יש לדחות וכנז"ל, ועל כן אותם בני אדם החוששין לצבוע המים בבי"ן של קהווא, ולכך מקדימים לצבוע במעט בי"ן מערב שבת וכנז' בשאלה, מנהגם יפה דאיכא בזה איסורא לדעת הגדולים הנז', וכן ראוי להורות כי סברתם היא נכונה כאשר בררנו בס"ד.

ובסוף דבריו כתב דאחרי כותבי בא לידי ספר שאלת יעב"ץ, ובסי' מ"ב הביא דברי הגאון אביו חכם צבי הנ"ל, ופקפק בדברי הגאון אביו ז"ל והוא חושש גם באוכלים ע"ש, ולפ"ד שם יש לומר דודאי איכא חילוקא רבא בין המשקין לבין האוכלין, כי במשכן לא היו צריכין לצבוע אוכלין, וכמ"ש הרב הנז', אבל ודאי היו צריכין לעשות מי הצבע, וא"כ במשקין דנ"ד דדמו למי הצבע הו"ל דומיא דמשכן ואית בהו איסורא לכ"ע, ע"כ.

73 עיי' בתשו' חכם צבי (סי' צ"ב) שכתב כסברא זו, שאין באוכלים ומשקים דין צביעה, שהרי מותר למזוג יין אדום בשבת, אע"פ שהמים נצבעים ונעשים אדומים, עכ"ד.

74 עיי"ש שהתשובה היא להרה"ק רמ"מ מסטראפקוב ז"ל, וז"ל: מכתב יקרתו הגיעני ע"נ, ומחמת טרדות עצומות לא נפניתי להשיבו עד כה, ע"ד שאלתו אם מותר לתת לתוך היין של פסח קודם הפסח למען יהי' מראיתו יפה דבר אחד אשר סוחרי היין דרכם לתת ביין שמראיתו לבן למען יתאדם היין, והדבר הנ"ל הוא כתוש הדק היטב ונמחה בהיין, ויש חשש אולי יש בדבר הנ"ל שום חמץ, כי לא נודע מה הוא, ומ"מ אינו אלא תערובות משהו, דכמו שיעור עדשה ממין זה נותנין לתוך שני מאות ליטר יין. עכ"ל השאלה, ומעכ"ת צידד להיתר ע"פ מה שהעלה בתשו'...

75 כתב בויגד משה (סי' ז' סק"ד על השו"ע סעיף י"א) דאם הלבן יותר משובח מהאדום הוא עדיף, מ"מ טוב למזגו בקצת אדום, כדי לצאת הטעם של זכר לדם בני ישראל, למרות דלא יוצא בזה מטעם חשיבות יין אדום ד'אל תרא יין כי יתאדם' עיי"ש.

**דומ״ץ דינוב:** אין ספר תשובות והנהגות (ח"ה סי' ר"מ) ברענגט רבי משה שטערנבוך (כ"ק הגאון הגדול מרא דארעא קדישא שליט"א) א חידוש אויך וועגן דעם ענין פון מישן די וויין, ער זאגט אז זייער אסאך מענטשן קענען דאך היינט נישט טרונקען קיין וויין, און ער וויל דאך האבן ד׳ כוסות פון וויין, נישט קיין מאסט און נישט קיין גרעיפ דזשוס, זאגט ער דעם זעלבן סארט חידוש, אז מ׳גיסט אריין אביסל וויין, מ׳מישט עס אוים מיט גרעיפ דזשוס, אדער מיט גרעיפ דזשוס וואס קען נאך ווערן וויין, האלט ער אז מ׳איז יוצא די וויין מהודר. ווייל דאס קען משכר זיין, איינס איז נישט גורע פונעם צווייטן, ווייל ס׳איז דא א חלק וואס פריער האט ער נישט געקענט משכר זיין? למעשה אין דעם בעכער האסטו געגוג וויין, אז דו וועסט טרונקען אזויפיל פון דעם וועסטו ווערן שיכור, און וויבאלד ס׳איז דא א חלק פון דעם, קענסטו נעמען גרעיפ דזשוס און אריין לייגן א קליין ביסל און מ׳שפירט א משהו דעם שארפקייט.[76]

**דומ״ץ טאשנאד:** ס׳איז מער ווי די שיעור מזיגה?

**דומ״ץ דינוב:** יא, ער טענה׳ט אז ס׳איז אפילו מער ווי מזיגה. ווייל מזיגה איז נאר מיט וואסער, אבער וויין מיט וויין, אזוי ווי מ׳האט דא געזאגט וועגן ווייסע מיט געהל׳ע, זאגט ער די זעלבע אויף שארפע און פשוט׳ע וויין.

ס׳איז דא יונגעלייט וואס קרעכצן זיי קענען נישט טרונקען קיין וויין. זיי דערהייבן נישט די וויין, זאג איך זיי איבער דעם פסק הלכה אז מ׳זאל אויסמישן אביסל וויין אין די גרעיפ דזשוס.

אמאל האט מען מער געקענט דערהייבן. היינט איז גרעיפ דזשוס מער עובר לסוחר.

**דומ״ץ טאשנאד:** עס איז א גרויסע מחלוקת צווישן די אחרוני זמנינו וועגן גרעיפ דזשוס, לגבי ד׳ כוסות, צי

---

76 וז"ל בהתשובה: לענין מיץ ענבים לליל הסדר אם אפשר לצאת בו ד׳ כוסות, לכאורה דינו כיין מבושל שיוצאין בו, מיהו הנה ב"חק יעקב" (סי׳ תע"ב ס"ק כ"ב) מביא משו"ת מהר"ש הלוי דיוצאין ד׳ כוסות במי צימוקים, אך מי שאפשר לו לשתות יין הוא מצוה מן המובחר ומחויב לשתות יין שחכמים תיקנו ד׳ כוסות לשמחה, ויין צימוקים אינו משמח. ועפי"ד העלו כמה מפוסקי זמנינו דה"ה שאין ליקח לכתחילה מיץ ענבים, שכיון שמיץ ענבים אינו משכר, אינו בכלל יין המשמח.

ושמעתי בשם גדול אחד זצ"ל שאין יוצאין יד"ח במיץ ענבים מפני שאינו יין המשכר שהוא משמח. ודבריו צ"ע דמפו׳ בירושלמי (שקלים פ"ג ה"ב) שיוצאין ביין מבושל, ומסתימות הדברים משמע אף שתחילת עשייתו ליין היה בבישול (ולא רק כשבישלוהו אחר שנעשה יין), ואף שבכה"ג בודאי אינו משכר, וע"כ צ"ל דרק לכתחילה צריך יין גמור המשכר. (וע"ע פר"ח ס"ס תפ"ג).

וכבר הבאתי במק"א שגדולי דורינו רבינו החזון איש זצ"ל, ומרן הגאון דבריסק זצ"ל, והגאון מטשעבין זצ"ל שתו מיץ ענבים לד׳ כוסות.

וראוי לדקדק ולהדר אם אפשר דוקא ביין ישן שאינו מבושל ונעשה לבד בלי חומר משמר וטוב בטעמו, ובמק"א (ח"ב סי׳ רמ"ג) הסתפקתי ביינות שבזמנינו שחלשים טובא אם כשר יין מבושל, דהבישול אינו משביחו רק נוטל ממנו טעם היין, עי"ש עוד, ובפרט מיץ ענבים שעיקר עשייתו בבישול והטעם קלוש מאוד, וע"ע מוע"ז (ח"ז סי׳ קפ"א) שהוכחנו שבד׳ כוסות יש דין שצריך טעם חזק דיין, עי"ש מה שהוכחנו מדברי הרמב"ם עי"ש.

ומיהו אם אין טעם היין ערב לו יוצא במיץ ענבים לכתחילה, ויש נזהרים לשתות בליל הסדר יין חזק דוקא אף שאינו טעים לו כ"כ, אבל האמת דבזה גופא מבטל מצוה מן המובחר, דמצות ד׳ כוסות ראוי לקיים ביין שטעים יותר לשותה וכמבואר להדיא ברמב"ם, ולכן דעתינו שאם אין טעם היין ערב לו ישתה מיץ ענבים (נקי מחומר משמר וכדיבואר להלן), ואף שמבושל אינו לכתחילה, מ"מ כיון שנעים וטעים יותר זהו המצוה, וכן לכמה מגדולי הפוסקים כיון שאין מבשלים בישול גמור עד שמעלה אבעבועות אין דינו כמבושל, ושפיר יוצאין במיץ ענבים שאינו מבושל.

ואם שותה מיץ ענבים, יחקור ויקפיד שיהיה מבושל בלי שום תערובות של חומר משמר וכדומה, והיינו שמיד כשיוצא מהבישול מכניסו לבקבוק וסותמו שאז אפשר שיתקיים בלי חומר משמר, ויש גם מעט בשוק מסוג זה ואפשר להשיגם.

ומיהו המהדר ידקדק שיהיה בו יותר טעם יין, ולכן יערב יין, שאז יש בו טעם יין חזק ושם יין עלה, וגם נראה שכשמערב רבע יין עם המיץ דינו כיין ממש שזהו שיעור מזיגת יין בזמן חז"ל, אלא שאנו מחמירים שלא למזוג במים כיון שהיינות שלנו חלשים מאוד, וכשמערב ג׳ חלקים מים אין בזה טעם יין, אבל כשמערב במיץ ענבים, מורגש היטב שזהו יין ושמו וטעמו יין, וידקדק שהיין יהא בלי חומר משמר ושום תערובות, וכן שהיין שמערב לא יהא מבושל, [ובארץ ישראל רוב היינות היום (אף שאינם מיץ ענבים) הם מבושלים מלבד סוג יבש או חצי יבש, וכמה סוגים מיוחדים ישנים יקרים, ואם כן המערב יין במיץ ענבים אינו מצוה מן המובחר כיון שהיין גופא מבושל], וידרוש ויחקור היטב בכל פרטי הנ"ל, ואז יוכל לקיים את המצוה בלי פקפוק.

ודע שכבר הזכרתי במק"א שרוב היינות מערבים בהם חומר משמר או סורביט והם פוגמים, רק שלפי פירסומי בעלי היינות הם מוציאים אח"כ חומרים אלו ולא נשאר מהם ביין, והמבינים טוענים שנרגש משהו שפוגם, ומה שמבטיחים שאינו נרגש כלל אינו נכון, והראשונים פירשו שיין צריך לעיכובא שיהיה כמות שהוא בלי שינוי, ומבושל שכשר היינו שמשביחו, אבל בחומר משמר אינו משביח רק פוגם ונשתנה ופסול ליין.

היוצא מדברינו שמצוה ביין שאינו מבושל ולא עירבבו בו חומר משמר וכדו׳, אבל המצוה ביין דוקא אם ערב לו, ואם שותה מיץ ענבים ידקדק לבחור מיץ ענבים בלי שום תערובת חומר משמר, רק מיץ שמילאו לבקבוק ישירות מהסחיטה ע"כ.

מ׳קען זאגן אז ס׳איז ווין, ס׳איז דא אזעלכע וואס האבן זייער מקיל געווען, און ס׳איז דא אזעלכע וואס האבן מחמיר געווען.

**רבינו:** מ׳מוז מקיל זיין פאר די וואס קענען נישט נעמען קיין ווין, מ׳קען נישט מחמיר זיין, ווייל אז מ׳וויל אפרעכטן דעם סדר ווי עס דארף צו זיין, נישט איינשלאפן און נישט ווערן אביסל בגילופין, און אז די ווין גייט ביי זיי ארויף אין קאפ אריין איז אויך נישט אין ארדענונג, קען מען טרונקען גרעיפ דזשוס.

**דומ״ץ טאשנאד:** מ׳טוהט אזוי?

**רבינו:** א גרויסער עולם היינט איבער די וועלט נוצט גרעיפ דזשוס. אבער דאס איז א גוטע עצה אריינצולייגן אביסל ווין.

**דומ״ץ דינוב:** עס גייט מער גרעיפ דזשוס ווי ווין. אדער טרינקט מען מאסט.

**רבינו:** פרויען און קינדער ניצן דאך נאר גרעיפ דזשוס, במילא פארקויפט זיך זיכער מער גרעיפ דזשוס ווי ווין.

**דומ״ץ דינוב:** מאסט האט נאך א מעלה אז ס׳קען ווערן זויער.

**רבינו:** יא, אז מ׳האט עס נישט אפגעשטעלט. מ׳האט עס נישט אויפגעקאכט.

**דומ״ץ דינוב:** די גרעיפ דזשוס אפיציעל קען שוין נישט ווערן קיין ווין.

**רבינו:** פארוואס? ווייל מ׳האט עס אויפגעקאכט.

**דומ״ץ דינוב:** מ׳האט עס אפגעשטעלט, מ׳לייגט אריין א שוועבל, אלע ווין האט אזא קעמיקל וואס שטעלט אפ די ווין עס זאל נישט קענען קאכן ווייטער,

אבער ר׳ חיים אהרן אונגאר (הרה״ג מו״ץ בקהלתינו בוומסב״ג) האט מיר געזאגט אז ער האט עס אויספראבירט, ער האט גענומען א פלעשל גרעיפ דזשוס, ער האט עס געלאזט ליגן ביי זיך אינדערהיים, ער ווייסט ווי אזוי מ׳מאכט ווין, ער האט געמאכט דערפון געהעריגע ווין, לפי זה איז עס פונקט ווי מאסט לויט דעם, עס קען ווערן געהעריגע ווין. ס׳איז נאר א שאלה ווייל מ׳מאכט עס היינט אביסל זיס, זיי לייגן אריין קאנסיטרירט, די שאלה צי ס׳גייט אריין אין כלל פון יין מתוק, דאס איז א עקסטערע שאלה.

**רבינו:** אין ויען יוסף (או״ח ח״א סי׳ קי״א) איז דא א תשובה פונעם פאפא רב ז״ל, ער זאגט אז מ׳קען מאכן ווין פון גרעיפ דזשוס.

ער שרייבט עס פארן טענקא רב (הגה״צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן ז״ל אבד״ק טענקא ומח״ס חמד שלמה), ער זאגט אז ער אליינס פארלאזט זיך אויף דעם ווייל מ׳קען מאכן ווין דערפון.[77]

דער מנחת יצחק (ח״ח סי׳ י״ד) האט אויך א שמועס איבער דעם.

**דומ״ץ טאשנאד:** א גרויסער עולם נוצט טאקע מאסט פסח, וואס נעמט דער רבי צו די ד׳ כוסות?

**רבינו:** איך נעם אויך מאסט.

**דומ״ץ טאשנאד:** מ׳מישט נישט מיט קיין ווין, נאר מאסט.

**רבינו:** יא, נאר מאסט.

**א׳ הנוכחים:** דער רבי ז״ל דער ברך משה וואס האט גענומען?

**רבינו:** מיין טאטע האט גענומען ווין אין די אנהייב יארן, שפעטער ווען ער האט שוין נישט געקענט, וועגן זיין בלוט דרוק, האט ער עפי״ר גענומען מאסט, ווען ער האט געקענט.

**דומ״ץ טאשנאד:** און ביי מאסט איז דא אן ענין פון רויט?

**רבינו:** יא, רויטע מאסט.

**דומ״ץ טאשנאד:** ס׳איז נאך אלץ דא די מעלה פון רויט זכר לדם, אפילו ס׳איז נישטא ביי דעם אזוי ווי ביי ווין, די גאנצע וועג ווי אזוי ס׳גייט צו די מאסט איז נישט דורך די שאלעכטץ, ס׳איז א אנדערע בחינה, אבער נאך אלץ זכר לדם.

**רח״ש:** מאסט איז אויך די רויטקייט דורך די שאלעכטץ. אויב וועט מען נעמען גרינע טרויבן ווערט עס נישט רויט, עס מוז זיין אדער שווארצע טרויבן אדער רויטע טרויבן.

**דומ״ץ דינוב:** און עס דארף ליגן א צוויי טאג מיט די שאלעכטץ, אז נישט ווערט עס נישט רויט. די טרויבן

---

77 וז״ל שם בתוך התשובה: הנה גם אני שמעתי מפקפקין מחמת שהוא מבושל, ורק ביין מבושל מבואר (סי׳ ר״ב ס״א) שמברכין בורא פרי הגפן, משא״כ במה שלא בא לכלל יין, והא דמבואר בגמרא (ב״ב צז:) סוחט אדם אשכול ענבים ואומר עליו קידוש היום, היינו משום שראוי להיות יין, משא״כ האי תירוש שהוא מבושל אין ראוי להיות עוד יין, כך שמעתי טעם המפקפקין, ושאלתי את בעל מסחר היין ואמר שהוא טעות, שהוא בעצמו עושה מהגרעיפ זשוס יין כשחסר לו, שאינו מבושל כל כך שלא יהא נעשה יין, ועל זה אני סומך לקדש עליו בשבת ויו״ט.

ווערט צומאלן און עס דארף ליגן אין פריזער צוויי טאג, אז נישט האט עס נישט די רויטקייט.

**רבינו:** יא, דער אויבערשטער האט אזוי אריינגעלייגט אין די פרי, אז די קאליר ליגט אין די שאלעכטץ.

**רח"ש:** און אויב מ'זאל נישט נוצט שווארצע אדער רויטע טרויבן איז עס נישט קיין רויטע מאסט.

**רבינו:** ס'איז טאקע ליכטיגער.

**רח"ש:** אבער לויט ווי מ'האט דא פריער געזאגט, א נייעם חידוש וואס כ'האב פריער געהערט דא, אז אויב ס'איז נישט וויים קען עס האבן א דין פון רויט, איז אפשר אנדערש.

**רבינו:** ס'קען האבן די הלכה פון רויט.

**דומ"ץ טאשנאד:** וועגן די זכר לדם אליינס איז דא אפאר טעמים, וועלכע דם, צי מכת דם, אדער פרעה היה שוחט ילדים, און דם פסח ודם מילה, יעדער איינער זאגט עפעס אנדערש. אבער אין די גמרא זעהט מען אלץ אל תרא יין כי יתאדם אויף פסח, די גמרא זאגט נישט זכר לדם, זעהט מען אז דער מהלך פון יין איז רויטע וויין אפילו פסח. און דער ירושלמי זאגט אז מ'זאל מהדר זיין אחר יין אדום אויף פסח במיוחד, אויך אלץ אל תרא יין כי יתאדם.

**רבינו:** דער טורי זהב דארט אין הלכות פסח אין תע"ב ברענגט אראפ ביידע טעמים. און ער ווארפט אריין דארט אויך וועגן די בלוט בלבולים, ער שרייבט אז עתה בעוונותינו הרבים קען מען שוין מער נישט, וועגן די גזירה.[78]

**דומ"ץ דינוב:** אינטערסאנט, ווייל זיי פלעגן דאך זאגן אז מ'דארף די בלוט פאר די מצות, זיי פלעגן נישט זאגן אויף די וויין.

**רבינו:** בקיצור, מ'האט מורא געהאט.

**דומ"ץ דינוב:** ביים מהר"ל פארציילט מען עפעס אזא מעשה, איינע פון די מעשיות פונעם גולם פארציילט מען א מעשה אז ס'איז געווען א פלעשל וואס מ'האט פארטוישט פון וויין אויף בלוט. איז דא וואס ווילן עס צוזאם שטעלן די מעשה מיט דעם, אז דער טורי זהב מיינט דאס, אז די גוים וועלן עס אויפטוישן.[79]

---

78 וזה לשון הטו"ז (סי' תע"ב ס"ט): והאידנא נמנעו מליקח יין אדום מפני עלילות שקרים בעוונותינו הרבים.

ועיי' בס' אבני חן שעוד אמרו הפראנקיסטים שמה שכתוב בשולחן ערוך שיש להשתמש ביין אדום, צריך לקרוא את האלף של המלה 'אדום' לא בקמץ אלא בסגול, ופירושה "אדום - נוצרים", והכוונה שיש למזוג את היין בדם נוצרים.

79 בס' עבודת הצדיקים – פסח (עמ' שנ"ג) מובא כדלהלן:

המנהג הוא מימים קדמונים לנקוב את החלות בשבת ראשונה שלאחר פסח במפתח, ונעשה על החלה צורת מפתח ומנהג ישראל תורה הוא, ונקרא 'שליסל חלה', כ"ק זקיני הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש אבד"ק ווייטצען היה רגיל לספר עובדא זו בכל שנה בליל שבת הראשון לאחר הפסח, בטעם שעושים ה'שליסל חלה'.

שפעם אחת בימי הרה"ק המהר"ל מפראג זי"ע בליל התקדש חג כאשר סיימו הקהל בתפלת מעריב וכבר הלכו כל העולם לביתם, הלך גם המשמש של הבית הכנסת לביתו, והיה לו מפתחות הרבה בחבילה א' כגון מפתח שער החצר של הביהמ"ד ומפתח הביהמ"ד גופא, ומפתח הארון הקודש וארון שבה היו מונחים כלי הקודש, ומפתח העזרת נשים וכדומה, ותלה המפתחות על מסמר אחד שהיה תקוע בהכותל כמו שנהג מאז ומקדם.

אך כאשר ניגש אל השלחן להתחיל הסדר והתחיל לומר הסימן 'קדש' שמע קול רעש של נפילת המפתחות לארץ, וראה שאכן המפתחות נפלו ממקומן, הפסיק ממה שהתחיל והחזיר המפתחות למקומן על הכותל, וחזר למקומו אצל השלחן, והתחיל עוד הפעם 'קדש', ולגודל תמהונו שמע עוד הפעם קול של נפילת המפתחות, וחזר אצלם וראה שהמה מונחים על הארץ, והחזירם עוד הפעם על המסמר שבכותל, וכעת סידר אותם שיהא בטוח שהם תלוים שם היטב, אולם כאשר שוב ניסה להתחיל הסדר חזר הדבר ונפלו המפתחות, וכן היה הרבה פעמים.

ועלה פחד גדול בלב השמש דהלא דבר הוא ידע על מה ירמזון הדברים, והלך בבהלה גדולה אצל רבו הגדול המהר"ל זי"ע, וסיפר לו כל הענין הפלא. והמהר"ל אמר לו שיחזור לביתו ויפריד החבילה של המפתחות, ויתלה כל מפתח ומפתח לעצמו על המסמר, ובזה יבחין בשל איזה מפתח נופלים כל המפתחות, ועשה כן ותלה כל מפתח ומפתח על המסמר ולא נפלו, אבל כאשר תלה המפתח של הארון הקודש נפל להארץ, והחזירו על הכותל ונפל עוד הפעם, וידע שהסיבה הוא מפתח הארון הקודש, וחזר לרבו המהר"ל, וא"ל דכנראה המפתח של הארון הקודש הוא הסיבה.

וצוה אותו המהר"ל שיבדוק בהארון הקודש לראות אם יש שם איזה ענין, ובדק ומצא שהבקבוק יין שהיה מונח שם לקידוש בביהמ"ד היה מלא דם רח"ל, וחזר וסיפר הדבר להמהר"ל ז"ל, וצוה לו המהר"ל שירחוץ היטב הבקבוק מהדם, ויתן תחתיו יין טוב אדום, ויסגור הארון הקודש ויחזור לביתו ולא יספר דבר זה לשום אחד, וכן עשה וכאשר החזיר המפתחות למקומן על הכותל נשארו שם ולא נפלו עוד.

והנה למחר בשעת התפלה הגיעו ערלים הרבה ובראשם הגלח, ועמהם הביאו גם הפאליציי, והיו צועקים שהיהודים הרגו נכרי אחד, ויודעים בבירור שכאן בהבית המדרש ישנו בקבוק מדמו, וכמובן שנעשה בהלה גדולה בבית המדרש, אך המהר"ל ז"ל אמר לראש הפאליציי שזה שקר, והוא מוכן שיחפשו בכל הבית המדרש, והתחילו לחפש פה ושם, ואח"כ הלך הגלח בדרך ישר להארון הקודש לפתחו כאילו הוא בטוח ששם ימצא הבקבוק.

**דומ״ץ טאשנאד:** היינט ב״ה ווייסט מען שוין נישט פון אזא זאך, מ׳קען נישט גלייבן אז ס׳איז געווען אזא זאך.[80]

**דומ״ץ דינוב:** ס׳איז נאך געווען דא אין אמעריקא נישט לאנג אזא שטיקל בלוט בלבול, פאר זיבעציג-אכציג יאר צוריק.

**רבינו:** אין טיסא עסלאר איז געווען אזא בלבול, נעבן סיגוט, ביים ייטב לב׳ס צייטן.[81]

---

אך סגר עליו המהר״ל ז״ל הדרך ואמר שלא יניח לו ליתן ידיו הטמאים שם שהוא מקום קדוש ביותר, והגלח צעק להפאליציי שהינו בטוח ששם ימצא הדם, מאחר שרואה שהרב של היהודים אינו מניח שיבדוק שם, ואמר המהר״ל שהוא יפתח הארון הקודש בעצמו אבל יד זר לא יכנס שם, וכן עשה שפתח הארון הקודש, והראה להם הספרי תורות, והגלח הבחין בהבקבוק שהיה מונח שם, וצעק בקול נוצחת שזהו בודאי הבקבוק דם שמחפשים, והמהר״ל הכחיש זאת ואמר, שהוא בקבוק יין ולא דם, ובדקו ומצאו שהיה של יין.

ויצאו הערלים משם בבושת פנים וליהודים היתה אורה, ולזכר נס הזה אמר המהר״ל שבאמת היו צריכים לעשות זכר לנס בשימת מפתח בתוך מצה של ליל א׳ דפסח, אך זה א״א, ע״כ עושים זכר להנס בשבת הראשון שלאחר הפסח בשימת מפתח בהחלה של ליל שבת.

80 הנה לדאבוננו ולדאבון בית ישראל היה מקובל ונפוץ עלילה שפילה ונבזית זו למשך כמה מאות שנה בין מדינות הגוים (ועל פי חוקרי ההיסטאריע התקיימה עלילת דם הראשונה בשנת 1144 למס בהעד ווינשעסטער שבמדינת ענגלאנד), והרבה דם ישראל נשפכו כמים רח״ל מגודל הנקמות של הגוים שהוסתו ע״י הכומרים השפילים, אשר אף הם בסתר לבם ידעו היטב שאין בזה שום ניצוץ של אמת, והעלילה אינה בנויה אפילו על ספק וחשד כשלהוא, אעפ״כ הפעילו הכומרים כח השפעתם והשרישו בלבות ההמון עם ובפרט אצל האיכרים והכפריים שאצל היהודים קיים מצוה זו, ובכך הבעירו את שנאת ההמון עם בשנאה יוקדת, ולכן בכל פעם כאשר הגוים שמעו שאירע עוד סיפור מילד נוצרי או ילדה נוצריית שנעלמו ונהרגו, מיד הוכשרו כמה גוים שקרנים שהיו מוכנים לבוא ולהישבע בשקר שאכן יד ישראל היתה במעל, ודמם של ישראל הופקר לחיתו ארץ ונשפך כמים רח״ל.

אמנם, ברבות השנים נתרבו הרבה גוים מלומדים אשר חקרו את בסיס העלילה ונתוודעו שהכל בשקר יסודה ואין לה שום שייכות עם המציאות, כן הוואתיקאן בעיר רומא הוציא כרוז בשם הפויבסט (הפויבסט וואקנטיוס בשנת 1247 למס׳) שאין להתייחס להטענה שהיהודים שוחטים נוצרים לאפיית מצות כי הינה שקר גמור!. כן היו כמה וכמה חוקרים מלומדים אשר פרסמו בריש גלי והביעו חוות דעתם בספרי-מחקר שלימים ובמאמרים בכתבי-עת שונות שעלילת דם חסרת שחר, ואין אצל יהודי עבירה יותר גדולה מלאכול דם, ולמדו וחקרו את דבריהם בהבתי ספר ובאוניווערזיטעטן, ובכך הופץ ונתקבל אצל כל הגוים שהעלילה היא שקר מתחילתה ועד סופה.

אך עדיין נשארו בהכפרים ומושבות נידחות אנשים כפריים נמוכי השכל וגסי הרוח אשר לא ידעו קרוא וכתוב, ועדיין לא ידעו ולא הבינו שהיא עלילה נבזית, ועדיין היה נחרט במוחם סיפורים אשר שמעו בילדותם שיהודים שוחטים וסוחטים דמם של נוצרים, ולכן הכומרים והשונאי ישראל ידעו שעדיין נשארו בורים וטיפשים בהכפרים אשר שם אפשר להעליל עלילה זו על היהודים, ובכך להבעיר אש של שנאה ונקמה נגדם לטובה ללא רחם, ולגזול ולחמוס מכל אשר בא לידם כאות נקמה על הריגת ילד נוצרי.

אשר על כן, מובן מאוד שלפני מאה שנה כבר היה מקובל אצל כל בר דעת שעלילת דם הינה שקר גמור וחסרת הגיון וצדק, אך הרשעים כים נגרשו והשקט לא יכלו, ובשנת תרע״א (1911 למספרם), היתה העלילה האחרונה הידועה ׳כעלילת מענדל בייליס׳, ואז המציאו דרך חדשה בערמימות גדולה איך להפיל על היהודים עלילה זו אשר כלל ישראל סבלה מזה כמעט שלש שנים, אנשים הוכו ועינו בראש כל חוצות, כל יהודי על אדמת רוסיא היה נתון במיצר ובסכנה כאשר דמו הופקר וניתן לחסדי האיכרים הרוצחים אשר האמינו שהיהודים רצחו את הילד הנוצרי, וכפי שזעק עורך דינו הנוצרי של הנאשם בייליס ברוב התרגשות: ׳מר בייליס, לא אתה יושב כאן על ספסל הנאשמים, ולא אל גופך המיוסר והמוכה מתכוונים התובעים השקרנים האלו, ׳אלא כלל ישראל יושבת על הספסל הנאשמים׳ אותה הם מבקשים׳!!!.

ואכן ברחמי ה׳ יצאה לאור צדקו, וזו היתה עלילת הדם האחרונה על אדמת רוסיא.

81 היינו פרשת ׳טיסא עסלאר׳ הידועה לשימצה שאירעה בשנת תרמ״ב, והרבה ספרים יצאו לאור בסיפור הפרשה הנוראה, ונכתוב בקצרה השלשלות הדברים:

בישוב טיסא עסלאר שבו היתה קיימת קהילה קטנה של כמה עשרות יהודים, נעלמה ילדה נוצרית מביתה, וכל החיפושים אחריה עלו בתוהו, האמונה הטפילה שהיתה נפוצה בימי קדם אשר היהודים משתמשים בדם נוצרים לאפיית המצות היתה עדיין זכורה במוחותיהם של המוני העם הנבערים מדעת, וכיון שהדבר קרה ביום י״ב ניסן לפני חג הפסח התחילו כמה מבני הכפר להתלחש, מי יודע אם אין יד היהודים בדבר.

כאשר השמועה הגיעה לאזניהם של ראשי האנטיסעמיטן, קפצו מיד על המציאה הגדולה שנזדמנה לידם, והחליטו לנצל אותה לצורך תעמולתם, במרץ רב נגשו להשתמש בה, ודאגו לכך שהשמועה תתפשט חיש מהר בכל רחבי הארץ, ואחרי שהצליחו ליצור דעת הקהל אשר דרשה מהמשטרה לחקור בענין, סדרו שורה שלימה של עדי שקר שהיו מוכנים להעיד שאכן נעשה המעשה הנורא הזה.

איש לא היה מעלה על הדעת שבזמנם עוד תהיה הממשלה מוכנה לטפל בעלילה שפילה זו, אשר כבר זה ימים רבים באותם הימים כבר לא נמצא שום אדם בעל דעת אשר יאמין באמיתותה של עלילת הדם, אך להפתעת הכל נודע האמת המרה, רגש השנאה ליהודים גבר על כל ההגיון והשכל הישר, ופתאום נשמע השמועה המחרידה על סמך העדויות שהושמעו בנידון עצרה הפאליציי יותר מעשרים יהודים תושבי טיסא עסלאר.

החשוד העיקרי היה שוחט הכפר הרב שלמה שווארץ ע״ה, אשר לפי השערת החוקרים הוא ביצע את המעשה המתועב, ושאר היהודים נאשמו בסיוע לרצח או בהעלמת ידיעה מהמשטרה על מעשה רצח.

ועוד עשתה הפאליציי מעשה עול נורא העולה על כולנה, היא עצרה את הילד מוריץ שארף בנו של השוחט, ותחת עינויים ואיומים נוראים

**דומ"ץ טאשנאד:** מ'האט גע'הרג'ט אידן?

**רבינו:** מ'האט איינגעשפארט אידן, ס'איז געווען אן ערנסטער פראצעס, עס האט געדראהט אידן, ס'איז זייער ערנסט געווען.

**דומ"ץ דינוב:** דער ייטב לב איז געווען אריין געמישט אין די מעשה?

**רבינו:** יא, ער איז אויך געווען, ווייל ס'איז געווען דורך סיגוט. מ'האט עס געפירט אזוי אז דער בעקער אין סיגוט האט דאס געטוהן.[82]

מ'קען דאס היינט נישט גלייבן אז ס'איז געווען אזעלכע מעשיות, עס האט געקאסט אסאך אידישע נפשות.

**דומ"ץ טאשנאד:** ווי אזוי האט זיך אזא שקר געהאלטן אזויפיל יארן?

**רבינו:** אזוי גייט דאס, מ'מיינט היינט גייט נישט קיין שקרים? היינט גייט אויך שקרים, אויף וואס מ'וויל גייט אויך שקרים, די לשון הרע'ס אויף די ווייץ אין אריזאונע איז דען נישט שקרים?

**דומ"ץ טאשנאד:** כ'האב געוואלט טאקע זאגן אז די מצות דא אין קרית יואל חוץ פון די שטארקע הידורים אין כשרות, איז עס אויך ספעציעל גוטע מצות אין טעם.

**דומ"ץ דינוב:** ר' מרדכי דוד קאהן (ר"מ בישיבתינו הק' בקרית יואל רבות בשנים וממובחרי תלמידי רביה"ק ז"ל) האט מיר געזאגט אז מ'האט דאך ביים רבי'ן ז"ל אויך געשניטן די ווייץ אין אריזאונע, אין די כ' יארן,[83] האב איך אים געפרעגט אז אין פלאץ זעהט מען געשריבן אין די מודעות אז ס'איז געווען צוויי יאר ווייץ פון דארטן, און איין פלאץ זעהט מען אז ס'איז געווען דריי יאר, זאגט ער, אז בעצם האט דער רבי ז"ל געלאזט שניידן ווייץ פאר דריי יאר, נאר אין דריטן יאר האט דער עולם

---

אילצוהו להעיד עדות שקר נגד אביו, מעתה היה ברור שראשי הפאליציי עשו יד אחת עם הגרועים שבשונאי ישראל.

מצבם של היהודים בכל המדינה היה רע ומר השנאה מצד שכיניהם הגויים גברה מיום ליום והיתה ללא נשוא במקומות רבים עשה ההמון המוסת פרעות ביהודים התנפלו על בתיהם שדדו ובזזו מכל אשר בא לידם ושרפו והחריבו את אשר לא ניתן לקחת ביד ביותר סבלו יהודי פרעשבורג וסביבתה אשר שם הסתכמו הפרעות מלבד הנזקים העצומים ברכוש באבדן שתי נפשות שנהרגו בידי הפורעים האכזריים.

והרבה רבנים מכל קצוי תבל ובפרט ממדינת אונגארין היו מעורבים בשתדלנות בענין הנ"ל, ובראשם מרן הייטב לב זי"ע, והגאון הישיש רב מנחם כ"ץ מפראסטיץ זצ"ל נסע לעיר הבירה והשתדל אצל ראש הממשלה להוכיח השקל השקל הגדול, וכן עשו אסיפת רבנים גדולה בחודש תמוז שנת תרמ"ב בעיר בודאפעסט, כאשר כל גדולי הרבנים חמו נגד העלילה, ואח"כ נתערב הראש הממשלה בהענין, והוכח השקר בעליל, ופרטי הסיפור מתואר באריכות בספרו של הרה"ח רבי סענדער דייטש ע"ה שחיבר במיוחד על פרשה זו, ומשם תדרשנו לטובה.

82 מרן הגה"ק הייטב לב ז"ל עמד כמלאך המושיע והיזק את הלבבות נשברות, ואמר רמז שהפסוק ל'א ת'אונה א'ליך ר'עה הוא ראשי תיבות אתל"ר.

ובס' נפש יונתן (לפסח) מהדיין דסעליש זצ"ל מביא ד"ת בשם רבו הק' מרן הייטב לב, ומביא שם כמה פרטים מאותו פרשה.

וכן עיי' בספרו של ר' סענדער דייטש ע"ה הנזכר לעיל שבאמצע הפרשה רצו השונאי ישראל להעליל את העליה הנוראה על מרן הייטב לב בעצמו, עיי"ש באריכות.

83 ידוע לכל הליכות מלכי בקודש ה"ה מרן רביה"ק בעל דברי יואל זצ"ל, אשר טרח ויגע בענין קצירת החטים שיהיו בתכלית הכשרות במשך כל ימי חייו עלי אדמות ביגיעות עצומות הרבה יותר מכפי כוחו, ובפרט הוסיף חומר בקודש במשך השנים תשכ"ז-תשכ"ח (כפי אשר נתפרסם במכת"ע בימים ההם כמובא להלן) כאשר צוה לנסוע דרך ארוכה עד עיר "אריזאנא" ששם אין יורד גשמים כלל בזמן הצמיחה, ולקצור שם החטים לצורך בית האפיה של קהלתינו הק'.

בקובץ המאור (שבט-אדר תשכ"ח) התפרסם אז: "מודעה מבית מאפה מצות שמורה דסאטמאר המפורסם בכל העולם, מודיעים אנחנו שהשנה קצרנו החטים באריזונא עוד לפני חג השבועות, שאין שם גשם כל זמן גידול החטים, החטים הנן הכי יפות ללא מבוקעות ומצומחות".

כמו כן התפרסם שם מודעה מקהל יטב לב ד'סאטמאר כדלהלן: "מודיעים אנחנו לכל שומר תורה ומדקדק במצוות, שכמו בכל שנה ושנה כן גם בשנה זו, אפשר להשיג אצלינו קמח למצות שמורה ברחיים של יד, נטחן ביד מחטים הכי יפות שקצרנו באריזאנא בהשגחה יתירה בהוראת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א".

להלן תצלום מקובץ "המאור" הנ"ל:


מודעה נחוצה

מודיעים אנחנו לכל שומר תורה ומדקדק במצוות, שכמו בכל שנה ושנה כן גם בשנה זו אפשר להשיג אצלנו

קמח למצות שמורה

ברחיים של יד

נטחן ביד מחטים הכי יפות שקצרנו באריזאנא

בהשגחה יתרה בהוראת

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גם אפשר לקבל אצלנו

מצות אפויות

מקמח הנטחן ברחיים של יד

הכל במחיר נמוך

כל המעונין יפנה תיכף אלינו ונמלא מבוקשתו אי"ה לשביעת רצונו, וכן כל הרוצה לטחון חיטים שלו יביאם בהקדם — וכל הזריז הרי הוא משובח.

קהל יטב לב דסאטמאר

Address: 427 BROADWAY

Brooklyn, N. Y. 11211

Tel.: 387-1203 — 384-8567

מודעה

מבית מאפה מצות שמורה דסאטמאר

המפורסם בכל העולם

מודיעים אנחנו שהשנה קצרנו החטים באריזונא עוד לפני חג השבועות, שאין שם גשם כל זמן גידול החטים. החטים הנן הכי יפות ללא מבוקעות ומצומחות

בית הריחים

נמצא בבית המאפה שלנו

מכונה חדשה המוציאה קמח סולת משופרי דשופרי

מפורסם הוא כמו כן

בור של המים

אשר במרתף בית מאפיתנו

מבור הזה שואבים בכל עת ערב מים שלנו המאפשר לנהוג בהם בתכלית השימור בכל חומר הדין.

בית אופה למצות

שלנו מתוקן בכל השיפורים וההידורים הכי היגיינים והכי חדישים, המצות הנאפות אצלנו מצוינות בטעמן ובאיכותן באופן יוצא מן הכלל —

וסגור ומסוגר בכל השנה ואינו משמש רק לאפית מצות

הכל בהוראתו של כ"ק מרן

אדמו"ר שליט"א

כבר אפשר לקבל במאפיתנו

- מצה שמורה משעת קצירה
- מצות פשוטות, — שמורות משעת טחינה.

אחב"י מתבקשים לשלוח מיד את הזמנותיהם כדי להפיק רצון מכ"א אחד ואחד. משלוחים לכל רחבי ארה"ב וקנדה וגם לאמריקה המרכזית והדרומית.

SATMAR MATZO BAKERY

427 Broadway

Brooklyn, N. Y. 11211

Tel: 387-1203 — 384-8567

פארפירט אז ס׳איז נישט גוט, דער טעם איז נישט גוט, זאגט ער, די מדקדקים האבן מהדר געווען אויף דעם אלע דריי יאר, דער רבי האט אויך געהאט דריי יאר, נאר דער עולם האט געזאגט אז ס׳איז נישט אזוי גוט אין טעם האבן זיי עס נישט געוואלט עסן.[84]

היי יאר איז דער שקר געווען אביסל קלענער. א קלענערער עולם האבן געגעסן מצות פון ווייץ פון דאהי, וויל דאהי האט זומער אסאך גערעגנט, און מער בעקערייען האבן געזוכט ווייץ דוקא פון די מקומות וואס ס׳איז נישט גשמים מצויים, מ׳האט זיך זייער געמוטשעט מיט די היזיגע ווייץ.

**רח״ש:** מ׳האט דאך יארן לאנג געמוזט צוקומען צו קולות. וועגן דעם האט דער רבי מחליט געווען צו פראבירן צו פלאנצן ווייץ אין אריזאונע.

**רבינו:** מ׳האט זיך פארלאזט אויפן מעיל צדקה (סי׳ ס״ט) וואס איז חולק אויפן רשב״א (שסובר שמקבל חימוץ אפי׳ במחובר לקרקע), און ער זאגט, אז ס׳ווערט נאס במחובר איז נישט געפערליך, ס׳שאדט נישט פאר׳ן ווייץ, וויל דער רעגן רינט אראפ.[85]

**דומ״ץ דינוב:** דאס פון היי יאר האט מען געקענט ארבעטן מיטן מעיל צדקה? ס׳איז דאך שוין געווען אינגאנצן פערטיג, ס׳קען זיין אז ס׳איז שוין אפילו געווען אביסל אפען.

**דומ״ץ טאשנאד:** רבי משה שטערנבוך שרייבט ביים באקן די מצות איז דא איין זאך וואס עס קען זיין באמת א חשש חמץ וואס ער האט געזעהן אז מ׳איז נישט מדקדק, אז דער לאנגער שטעקן אויף וואס מ׳לייגט אריין די מצות אין אויוועז, דאס קומט דאך צוריק ארויס, און עס קלעבט זיך אן אויף דעם שטיקלעך טייג, די טייג איז שוין געווען אין אויוועז, ס׳איז שוין נתחמם געווארן און ס׳איז ממהר להחמיץ, עס קען מבליע זיין אין דעם שטעקן, אפילו אויב מ׳וועט דאס אראפ נעמען האט שוין די שטעקן בולע געווען חמץ.

**רבינו:** דא דעקט מען עס צו מיט פאפיר.

**דומ״ץ טאשנאד:** אז מ׳דעקט עס צו, איז געלעזט דעם פראבלעם.

**דומ״ץ דינוב:** פאר דעם פלעגט מען הויבלען, אבער ער איז נישט צופרידן דערפון, ער זאגט אז דער טעם גייט אריין בכולו.

**דומ״ץ טאשנאד:** ער זאגט אז חוץ אויב מ׳נעמט דאס אראפ גלייך ווען ס׳קומט ארויס פון אויוועז, דעמאלטס קען זיין אז ס׳האט נאכנישט בולע געווען, בשעת הדחק קען מען זיך פארלאזן אויף דעם.

**רבינו:** דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס אונז האב מיר איינגעפירט די פאפיר... עס איז געווען וואס האבן גע׳טענה׳ט אז ס׳איז א נייע זאך, אבער איך האב געזאגט דעמאלטס אז ס׳האט דעם הידור אז ס׳גייט נישט אריין קיין בליעות.

**דומ״ץ טאשנאד:** אלעס איז א נייע זאך, די ווייץ איז אויך א נייע זאך, מ׳טוט דאך היינט בעסער ווי אמאל וואס מ׳קען לויטן מציאות.

**דומ״ץ דינוב:** דער רבי זאגט אז די ווייץ איז נישט קיין נייע זאך. עס איז שוין געווען פאר דעם.

**רבינו:** יא, תשכ״ז האט מען שוין געשניטן דארט, אפאר יאר האט דער פעטער ז״ל געשניטן אין אריזאנע.

*

**רח״ש:** ווען קומט מען ארויס מיט נאך א חיבור?

**דומ״ץ טאשנאד:** דערוויל איז מען נאך עוסק אין ׳מפיהם׳, און נאכדעם וועט דאס ווערן ׳מפי כתבם׳, חוה״מ טאר מען דאך נישט שרייבן.

**דומ״ץ דינוב:** דברי תורה מעג מען שרייבן.

**דומ״ץ טאשנאד:** דער רבי שרייבט דברי תורה?

**רבינו:** אז מ׳זאל נישט פארגעסן שרייבט מען, אזוי בקיצור.

**דומ״ץ טאשנאד:** דער משנה ברורה ברענגט אזוי.

**רבינו:** אזוי שטייט אין מחבר (או״ח סי׳ תקמ״ה סע׳ ט).[86] דער ריטב״א שרייבט (מו״ק יח:) אז ׳רבותיו התירו לו׳ צו שרייבן כדי שלא ישכח. און ער זאגט ׳וכן נראה הלכה למעשה׳.[87]

---

84 ויאוי לציין שבשו״ת שבט הלוי ח״ד מכתב נ׳, בתשובה להרה״ח ר׳ יחזקאל ב״ר יהודה שרגא הכהן ראזענבערג ז״ל, מדגיש הגאון בעל שבט הלוי ז״ל שבתוך דברי השואל מוזכר, שבשנים הללו לקחו החיטים ממקומות שאין גשמים יורדים עליהם לעולם.

85 וז״ל המעיל צדקה בתו״ד: אין לחוש לזה (לד׳ הרשב״א) אפי׳ נתייבשו לגמרי והם בקליפתן, אם לא כשנתרבו הגשמים יום ולילה גשם חזק שמפיל הקשים והשבלים לארץ, והגשמים מזלפים עליהם בחוזק, וכמאן דמנחי כבושים בכלי מלא מים דמי, עיי״ש.

86 וז״ל המחבר שם: ואם שמע דבר חידוש מותר לכתבו כדי שלא ישכח.

87 עי׳ בלשון הריטב״א (שם): וכן אם הוא בענין שלא יהא ספר להגיהו בו לאחר המועד, מגיהין אותו ברגל בכל כתבי הקדש, בין מן המקרא בין מן הש״ס, שאין לך דבר האבד גדול מזה, וכן הסכימו רבותי על ידי.

**דומ"ץ דינוב:** ס'איז א דבר האבד.

**דומ"ץ טאשנאד:** אלץ תורה, דער ב"ח האט געשריבן חול המועד.

**רבינו:** יא, דער טורי זהב (סי' תקמ"ה ס"ק י"ז) ברענגט דאס, ער איז מעיד אויף זיין שווער אז זיינע חיבורים האט ער געשריבן חול המועד.[88]

**דומ"ץ דינוב:** ס'איז דא א תשובה פונעם חתם סופר אויך וואו מ'זעהט אז ער שרייבט אונטער חוה"מ.[89]

**רבינו:** פון ערב פסח נאכמיטאג איז אויך דא פונעם חתם סופר, אזוי שרייבט ער אין די תשובה.[90]

**דומ"ץ טאשנאד:** און ס'איז דא די באקאנטע תשובה (האו"ח סי' קל"ו) וואו שרייבט 'כי גרשוני נשים צדקניות'.[91]

**רבינו:** דאס איז נאך א תשובה פון פאר פסח. מ'רעדט דאך פון חוה"מ.

**דומ"ץ דינוב:** דער רבי האט אמאל פארציילט א מעשה פונעם ברך משה, אז דער עצי חיים האט גענומען קוויטלעך אינדרויסן פון זיין שטוב פאר פסח.

**רבינו:** יא, ווייל מ'האט אויסגערייניגט די שטוב דעמאלטס.

**דומ"ץ דינוב:** מ'האט אים ארויס געשיקט, ער איז פארקילט געווארן דעמאלטס האט ער געזאגט.

*

**דומ"ץ דינוב:** א אינטערעסאנטע שאלה איז געווען, ערב פסח האט א בחור אריין גערופן אין בית הוראה פרעגן א שאלה, אז ער האט זיך נאך נישט געשוירן די האר לכבוד יו"ט. קודם איז ביי מיר געווען א חידוש, כ'האב געהאט דאס יאר איין שעה אין בית הוראה ערב פסח, און זיבן-אכט מענטשן האבן אריין גערופן אז זיי האבן זיך נישט געשוירן, ס'איז שוין געווען נאך חצות.

**רבינו:** נו, נאך חצות טאר מען זיך דאך נישט שערן (כ"כ המג"א סי' תס"ח סקי"ג וכל הפוסקים).

**דומ"ץ דינוב:** אפשר איז דא א וועג ווי אזוי מ'קען זיך שערן דורך א גוי.[92]

אין פרי חדש איז דא א חידוש אז טאמער שערט מען זיך אליינם דעמאלטס ווערט עס אוים מעשה אומן, אזוי איז דא עפעם א פרי חדש. ס'איז דא מענטשן וואס שערן זיך אליינם.[93]

**רבינו:** קודם, מ'קען זיך נישט שערן אליינם... מיט א שפיגל... עה, מ'קען נישט... עכ"פ ס'איז א שווערע זאך. און דער תניא (שו"ע הרב ס"ג) נעמט אהן אז אליינם טאר מען אויך נישט.[94]

**דומ"ץ דינוב:** דער בחור רופט אריין פרעגן אז ער האט זיך נישט געשוירן, האב איך אים געזאגט אז מ'קען זיך נישט שערן, זאגט ער, אז זיין טאטע הייסט אים זיך שערן.

**דומ"ץ טאשנאד:** ווערט עס א דאורייתא, אזוי ווי ס'איז דא וואס געבן די עצה אז מ'זאל שווערן אז מ'גייט עסן מצה דעמאלטס ווערט עס א דאורייתא...[95]

---

ועוד התירו לי לכתוב שיטת חידושין שלי שהייתי לומד וכיוצא בו, כדי שלא אשכח, וכן נראה הלכה למעשה.

88 ועיין שם שכ' דה"ה דמותר לשמוע לכתחלה כדי לכותבו, גם אין חילוק בין אם שמע החדוש מאחר או חידשו הוא עצמו, דהרבה זימנין מצוי שאדם שוכח מה שחידש כבר ואינו יכול לחדשו אח"כ, ואפילו בלא טעם שכחה כיון שבכל עת ורגע מוטל על האדם לעמול בתורה ולחדש בה כפי יכולתו, אין שייך לומר ימתין עד אחר יו"ט ואז יכתוב החידוש, דאותו זמן יהיה עליו חיוב אחר דהיינו שיחדש אח"כ חידושים אחרים, ואם יתעכב בנתיבת החידושים שלמד בתוך המועד יצטרך ללמוד שנית מה שלמד כבר, ולהזכיר מה שחידש מכבר, וזה יבטלנו מלימוד חידושים אחרים באותה שעה, ואין לך דבר האבד גדול מזה. ומעיד על חותנו הב"ח ז"ל שכתב חיבוריו בחוה"מ, ומ"מ יזהר בכתיבת חידושיו שיכתוב אות משיט"א וכו' יעו"ש.

89 עיי' בשו"ת חת"ס (או"ח סו"ס קפ"ד) ...רשמתי לזכרון דברים בעלמא בחוה"מ של סוכות...ע"ש.

אגב, כאן המקום לציין שהספר תורה שכתב החת"ס לעצמו נגמרה כתיבתו ביו"ט חג הסוכות, כאשר כותב בשו"ת (היו"ד סי' רע"ו) ...האמת אגיד כי ביו"ט חג הסוכות נגמר כתיבת ס"ת שלי תלי"ת בכמה מיני יופי והידור ודקדוקים הרבה...

90 וז"ל החת"ס בתשו' (ח"ה חו"מ סי' קע"ז) ...בלי ספק הגיע לידו הרמה מכתבי משבוע העברה, ושם אמרתי להשיב על דברי תורתו החביבים עלי, והנה יצאתי בחיפזון להשיב בקיצור וביום אפיית מצה, וגמרתי ביום ערב פסח שזמנו בהול מאוד, לכן קצרתי מאד לחכם ומבין מדעתו הרמה, יזכה לראות ציון ברמה...

91 וז"ל שם: ...והיותי חוץ לחדר לימודי, כי גרשוני נשים צדקניות המכבדים ליו"ט של פסח, ע"כ לא יכלתי להאריך ככל הצורך, ע"ש.

92 דהמג"א (שם) אוסר אפי' ע"י גוי, אך הב"ח בשם הרש"ל מתיר, וכ"כ באליה רבה (שם סק"ד) וחיי אדם (כלל קכ"ט ס"ז).

93 והוא עפ"י הש"ך (יו"ד סי' שצ"ט סקי"ב) שמוכח דבשעת הדחק מותר להסתפר ע"י עצמו.

94 ועי' בח"י (סק"ד) ושו"ע הרב (ס"ג) דאסור אפילו ע"י עצמו.

95 עיי' בשו"ת רבי שלמה איגר (או"ח סי' כ') שנשאל ע"י בנו רבי ישראל איגר בא' שיש לו רק כזית אחד של מרור לליל הסדר, דלכאורה עליו לאכול רק את הכזית מרור שאוכלים בנפרד, ויצטרך לבטל כורך,

**דומ"ץ דינוב:** עכ"פ דער טאטע האט אים געהייסן זיך שערן, בקיצור ס'איז געווארן א מלחמה דער טאטע מיט דעם זוהן דארט, מיין טאטע הייסט מיר זיך שערן, זאג איך אים וואס זאל איך זאגן מ'טאר נישט שערן, זאג איך אים שער דיך אליינס, דו קענסט זיך שערן אליינס? זאגט ער ניין, כ'קען מיך נישט שערן אליינס. א טאטע הייסט און דו מוזסט זיך שערן, איין ברודער זאל שערן דעם צווייטן,ביידע ברודער'ס האבן געווארן פרעגן די שאלה צי זיי מעגן זיך שערן.

**רח"ש:** און וואס האט מען געפסקנט, מ'האט עס מתיר געווען?

**דומ"ץ דינוב:** איך האב זיי געזאגט מ'זאל אריינרופן צום דיין (הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א).

**רח"ש:** און ער האט מתיר געווען?

**דומ"ץ דינוב:** כ'ווייס נישט, כ'גלייב אז ער קען טרעפן א וועג ארויס, אבער ביי דעם ווערט שוין א שאלה, דאס איז א דאורייתא (כיבוד אב) און דאס איז א דרבנן.

**רבינו:** ביי כיבוד אב, אז טאמער דער טאטע הייסט טוהן קעגן די הלכה טאר מען נישט פאלגן.

אפילו ווען ער הייסט עובר זיין אויף א דרבנן טאר מען אויך נישט פאלגן (כמבואר ביו"ד סי' ר"מ).

**דומ"ץ דינוב:** יא, ווייל ער איז אויך מחויב דאס צו טוהן.

**רבינו:** כ'האב היינט אינדערפרי געלערנט אן אינטערסאנטן מנחת חינוך, ער האט אזא איסתפקתא, אז איינער האט צוויי כזיתים, א כזית מצה של חדש, און א כזית מצה של טבל, מיט מצה של טבל קען מען נישט יוצא זיין, אבער מצה של טבל איז נאר אסור מדרבנן, און אז ער האט נישט נאר מצה של חדש וואלט איך ווען געדארפט צו זאגן אז עשה דוחה לא תעשה, אבער ס'איז דאך אפשר לקיים שניהם, דורך דעם וואס ער וועט עסן די מצה של טבל, ווייל כלפי דאורייתא איז דאך אפשר לקיים שניהם, איי מ'קען נישט, דאס איז נאר מדרבנן, מן התורה איז דאך 'אפשר לקיים שניהם', זאגט ער א חידוש, ס'איז 'אי אפשר לקיים שניהם', ווייל אז די רבנן זאגן אז נישט איז נישט.[96]

**דומ"ץ דינוב:** ער האט געלערנט אז אפשר לקיים שניהם איז א ענין אין מציאות, אויב במציאות קען מען עס נישט טוהן, אפילו אויב ס'איז נאר א דרבנן.

**רבינו:** ער לייגט עס אריין אין א תוס' אין פסחים פ"ה, דארט זאגט תוס' ביי שבירת עצם, דארט האב איך א הוה אמינא ס'איז דאך אפשר לקיים שניהם, זאגט תוס' מ'קען על ידי גומרתא נישט דורך שבירה, און ביי על ידי גומרתא זאגט דאך אביי אז ס'איז נאר דא א חשש דרבנן, און דאך זאגט תוס' אז ס'הייסט 'אי אפשר לקיים שניהם' אפילו ס'איז נאר א דרבנן.

אבער דער מנחת סולת (סוף מצוה י') קריגט אויף אים, ער ברענגט צו דעם שבילי מנחה, ער זאגט אז דארט איז עס א חשש דאורייתא, נישט קיין חשש דרבנן.[97]

וחיפש תחבולה שלא לבטל מצות כורך. ויעו"ש שמנסה איזה דרך, סוף דבר שלא עלה בידו למצוא לו תקנה שיאכל.

והקשו האחרונים דעדיין יש לו עצה לאכול כורך, והוא, שלפני שיאכל את הכזית מצה יישבע שהלילה הוא יאכל מרור, ומותר להישבע לדבר מצוה, ויכרוך המצה והמרור ויאכלם ביחד, ותו ליכא למימר דאתי מרור דרבנן ומבטל טעם מצה דאורייתא, כי ע"י השבועה הוא גם מחוייב לאכול מרור מדאורייתא.

96 וז"ל: ועיין בשאגת אריה דאם אין לו מצה של היתר בגוונא דעשה לוהה לא תעשה, כגון חדש, יאכל האיסור דעשה דוחה לא תעשה.

ולכאורה יש לספק אם יש לפנינו חדש וטבל דרבנן, וטבל לרבנן אינו נדחה מפני מצה, עי' בש"ס (פסחים לה:), אם יכול לאכול החדש דעשה דוחה לא תעשה כיון דקיי"ל כל מקום שאפשר לקיים שניהם אין לא תעשה נדחה (שבת קלג.) וכאן מדאורייתא אפשר לקיים בטבל דרבנן, ואין צריך לדחות הל"ת, א"כ מיקרי אפשר, אך מ"מ הסברא נותנת ללא מיקרי אפשר, כיון דחז"ל העמידו דבריהם, והוי כאין לו שום דבר רק של חדש ונדחה הלא תעשה, כן נראה לע"ד וצ"ע בדבר. - ועי' תוס' נראה דאף אם איסור דרבנן עומד לנגדו חשוב לא אפשר.

וכוונתו על התוס' (פה. ד"ה כשהוא) וז"ל: בפ' דם חטאת בזבחים יליף מהכא דאין עשה דוחה לא תעשה בקדשים, מדכתב רחמנא גבי פסח ועצם לא תשברו בו וכו', ועוד קשה לרשב"א דהכא אפשר לקיים שניהם ע"י גומרתא, דהשורף בעצמות אין בו משום שבירת עצם, וקי"ל דהיכא דיכול לקיים שניהם לא אתי עשה ודחי לא תעשה. ותירץ רבינו חיים לרשב"א דלרבא שפירש לעיל בגומרתא דאסור משום הפסד קדשים אתי שפיר.

97 והנה המלוא הרועים (אות ע' כלל עשה דוחה לא תעשה אות כ"ו) כ' ג"כ כחידושו של המנ"ח על יסוד דברי התוספות בפסחים וזבחים שציין המנ"ח.

ועיין במנחת סולת (בסוף מצוה זו) שפלפל בזה, והקשה שמדברי התוספות עצמם יש סתירה לזה עיי"ש.

ועיין גם בספר דבר אברהם - קאונא (חלק ב' סי' ד' אות י' בד"ה אמנם) שהביא דברי המלא הרועים, וג"כ דחה דברו, וכתב שם דאם מהתורה אפשר לקיים שניהם אין עשה דוחה לא תעשה, ולפי זה גם דינא דהפסד קדשים שבתוספות פסחים (פה.) צריך לומר שהוא ג"כ מהתורה, דאל"כ הרי מהתורה אפשר לקיים שניהם, ואיך סלקא דעתך

**דומ"ץ דינוב:** אז דארט ביי כיבוי איז עס א חשש דאורייתא.

**רבינו:** אבער דער מנחת חינוך לערנט אזוי, ס'איז אינטערסאנט.

**דומ"ץ דינוב:** ס'איז דא אין תוס' אין (סוכה ג.), 'לא קיימת מצות סוכה מימך', דארט איז אויך דער יסוד.[98]

**רבינו:** אפילו ס'איז אינו מן התורה.

אזוי זאגט ער, אז אפשר לקיים שניהם איז נישט ווען ס'איז דא אן איסור דרבנן, כאטש ס'איז א דאורייתא. נישט ווי דער מלא הרועים לערנט אז דער גאנצער אפשר לקיים שניהם איז נאר א דרבנן, אויך מכח דעם תוס', ער לערנט אז מן התורה איז אפילו ביי אפשר לקיים שניהם אויך דוחה, אבער מיט דעם קריגט מען, עס איז דא כמה גמרות אז ס'איז א דאורייתא.

דער מנחת חינוך (שם סוף מצוה י') זאגט יא ס'איז א דאורייתא, אמת ס'איז א דאורייתא, אבער אז די רבנן זאגן אז נישט, קען מען נישט, איז עס 'אי אפשר לקיים שניהם'.[99]

**דומ"ץ טאשנאד:** מ'קען צושטעלן די שאלה, דער מגן אברהם אין הלכות שבת זאגט,[100] וואס טוט זיך ווען איינער האלט פאר הבדלה צי מ'מעג אויסערעדן צווישן די המוציא – ער האט שוין געמאכט המוציא – צי ער מעג אויסערעדן צווישן די המוציא און די אכילה אויף הבדלה, ווייל ס'איז דאך דא א איסור צו עסן פאר הבדלה, במילא איז עס א צורך אכילה אזוי ווי מ'מעג אויסערעדן און זאגן 'הבו מלח, הבו לפתן'.[101] איז דער מחצית השקל דארט מסביר אז ניין, א איסור דאורייתא מעג מען אויסערעדן, למשל 'גביל לתורי' וואס איז א חיוב דאורייתא, מעג מען אויסערעדן נאך די ברכה,[102] און ביי א איסור דרבנן נישט, אבער 'הבו מלח, הבו לפתן' דארף נישט זיין קיין דרבנן, דאס איז א מציאות אז מ'דארף דאס האבן דעמאלטס קען מען יא.[103]

מ'קען מסביר זיין, אז וואס איז דער חילוק ביי דעם צווישן א דאורייתא און א דרבנן, ווייל ס'איז דא וואס זאגן אז יעדע איסור דאורייתא איז א איסור חפצא.

**רבינו:** יא, לויט'ן נתיבות ביי מקח טעות... (נתיבות המשפט סי' רל"ד סק"ג).[104]

---

דעשה דוחה לא תעשה, ולמה לן פסוק שאסור לשבור עצם שיש בו מוח עיי"ש באורך, וא"כ כל זה יקשה גם על המנ"ח וצ"ע.

98 היינו התוס' שם הקשו שתלמידי בית שמאי נכנסו לר' יוחנן החורני לבקרו וראו שישב בסוכה ושולחנו בתוך הבית, ואמרו לו שלא קיים מצות סוכה מימיו, והקשו התוס' והרי היא רק גזירה דרבנן, ותירצו, שהיות שחז"ל גזרו שמא ימשך אחר שולחנו, אז לא קיים גם המצוה דאורייתא.

99 וז"ל: הנה מבואר בגמרא פסחים (לה:) דגם איסורין דרבנן אם כי האי גוונא מהתורה אין יוצאין, גם בדרבנן אין יוצאין מדרבנן כמבואר שם, דאין יוצאין בעציץ שאינו נקוב, ולכתחלה ודאי אסור לאכול, דהעמידו דבריהם במקום עשה, כמו שופר ולולב שאין עולין באילן ולחתוך אותו, אפילו משום שבות, דהעמידו דבריהם במקום עשה, ובעבר ואכל אינו יוצא מדרבנן ומהתורה יצא, ועיין פרי מגדים בפתיחה כוללת (לאו"ח חלק שלישי אות ז') הביא בשם התוספות בסוכה (ג. ד"ה דאמר) דאם עשה המצוה מהתורה שלא לפי תקנת חז"ל, גם מדאורייתא לא יצא רק באנוס, והובא בחיבור זה כמה פעמים.

100 עי' בדברי המגן אברהם או"ח סי' רע"א (סקי"ב): יאכל תחלה. פי' פרוסת המוציא ואח"כ צריך להפסיק ולהבדיל שם ועמ"ש רסי' רצ"ט ובתשובת מהר"מ סי' ש"ב כתב ריצב"א דיבדיל ואח"כ יברך שנית המוציא ויאכל דהא אסור לאכול קודם שיבדיל, ול"ד לגביל לתורי דא"צ לברך דהתם אסור מדאוריי' עכ"ל.

101 דהנה הפוסקים נחלקו כיצד יש לנהוג כאשר בירך המוציא ונזכר שלא עשה הבדלה, מצד אחד אם יבדיל ורק אחר כך יאכל יעבור על איסור ברכה שאינה צריכה, מצד שני, אם יאכל בטרם יבדיל, יעבור על איסור אכילה קודם הבדלה.

הרמ"א (או"ח סי רעא סעי' ה') פסק כי המברך המוציא וקודם שאכל נזכר שלא הבדיל, יאכל תחילה, דהרי אין מבדילים על הפת. וכתב המג"א (ס"ק יב): ובתשובת מהר"מ (סי' ש"ב) כתב ריצב"א דיבדיל ואחר כך יברך שנית המוציא ויאכל, דהא אסור לאכול קודם שיבדיל.

102 בגמ' מס' ברכות (מ.) אמר רב טול ברוך טול ברוך אינו צריך לברך, הבא מלח הבא לפתן צריך לברך, ור' יוחנן אמר אפי' הביאו מלח הביאו לפתן נמי א"צ לברך, גביל לתורי גביל לתורי צריך לברך, ורב ששת אמר אפילו גביל לתורי נמי אינו צריך לברך, דאמר רב יהודה אמר רב אסור לאדם שיאכל קודם שיתן מאכל לבהמתו (שנא' דברים יא, טו) ונתתי עשב בשדך לבהמתך והדר ואכלת ושבעת.

103 עי"ש בדברי המחצית השקל (סקי"ב): ולא דמי לגביל כו'. דכתב לעיל סימן קס"ז (סעיף ז') שאם אמר ליתן מאכל לבהמתו (זהו נקרא גיבול) לא הוי הפסק, והיינו משום דהוי צורכי סעודה, דאסור לאכול קודם שיאכיל לבהמתו, דכתיב (דברים יא, טו) ונתתי עשב בשדך לבהמתך והדר ואכלת ושבעת, והוא הדין הכא, כיון דאסור לאכול קודם הבדלה הוי הבדלה צורכי סעודה, ולא יהיה הפסק.

104 דהנה בחו"מ (סי' רל"ד סעיף ג') נפסק שהמוכר לחבירו דבר שאיסור אכילתו רק מדרבנן וכו' ואכלו, אין המוכר מחזיר מעות.

ומבאר הנתיבות, דבאיסור דרבנן אין בזה שום מקח טעות, דאף דבאיסורי תורה אם אכלן בשוגג צריך כפרה, אבל באיסורין דרבנן א"צ כפרה להגין על היסורים וכאילו לא עבר דמי עי"ש.

וביאור דבריו, דידוע דהחילוק בין איסור דאורייתא לאיסור דרבנן, דאיסור דאורייתא הוא איסור חפצא, ואיסור דרבנן אינו איסור חפצא

**דומ"ץ טאשנאד:** יא, און אז ס'איז א איסור חפצא איז עם א צורך סעודה, א איסור דרבנן איז א איסור גברא, אבער די סעודה פאר זיך איז גרייט. א איסור דאורייתא איז אזוי ווי הכו לפתן, איך דארף דאס האבן אויף צו עסן, אז נישט איז נישטא קיין עסן, אבער א איסור דרבנן איז נישט אזוי, די רבנן האבן דיר געהייסן אז די זאלסט נישט, במילא איז נישטא קיין היתר אויסצורעדן.

**רבינו:** לויטן מנחת חינוך קען זיין וועט מען יא מעגן אויסרעדן.

**דומ"ץ טאשנאד:** דאס האב איך געמיינט צו זאגן אז דער מנחת חינוך זאגט אז ס'איז נישט קיין חילוק צווישן א דרבנן און דאורייתא. איז אפשר דא איז אויך אזוי.

**רבינו:** בקיצור, אזוי זאגט ער דארט אז ס'הייסט אי אפשר לקיים שניהם.

*

**דומ"ץ דינוב:** מ'האט אהנגעהויבן צו זאגן 'מוריד הטל' יעצט, אז איינער זאגט 'מוריד הגשם' און ער דערמאנט זיך און זאגט גלייך נאכדעם 'מוריד הטל'?

**רבינו:** ער דארף אהנהייבן נאכאמאל פון 'אתה גיבור' (כדנפסק סי' קי"ד ס"ד).

עס ווענדט זיך ווען, ווינטער קען מען צוזאגן מוריד הגשם, אבער זומער האט ער דאך קאליע געמאכט, מוריד הגשם איז דאך א קללה, איז עס אזוי ווי ווען ער האט געזאגט 'ותן טל ומטר' דעמאלטס הייבט ער אהן נאכאמאל פון 'ברך עלינו'.

**דומ"ץ דינוב:** און טאמער האט ער געענדיגט שמונה עשרה, ער האט געזאגט 'משיב הרוח ומוריד הגשם' און גלייך פאררעכטן 'מוריד הטל' און ער האט ווייטער געדאווענט גאנץ שמונה עשרה, דארף ער איבער דאווענען?

**דומ"ץ טאשנאד:** דער משנה ברורה (שם ובביאוה"ל סי' קי"ז ס"ג) איז מקיל אין דעם.

**דומ"ץ דינוב:** דער משנה ברורה דערמאנט אבער נישט די נקודה פון תוך כדי דיבור. דאס איז א שפעטער'דיגע חידוש פון די אחרונים, אז ס'איז דא א סברא ס'זאל נישט ארבעטן דא.

לכאורה אויב זאג איך אז תוך כדי דיבור איז מבטל און ס'איז עוקר די ערשטע זאך, איז אפילו נניח אז ער האט קאליע געמאכט האט ער זיך דאך צוריק פאררעכטן.

**רבינו:** אבער ער האט דאך געזאגט א קללה. אין שבט הלוי (ח"ו סי' טז) האט ער א שמועס וועגן דעם, די שאלה איז אויב איך זאג אז תוך כדי דיבור איז עוקר, צי ס'איז אויך עוקר א קללה.[105]

**דומ"ץ טאשנאד:** פארוואס האט ער עוקר געווען, ער האט נישט געזאגט א זאך וואס איז פארקערט, ער האט געזאגט 'מוריד הגשם' און ער האט געזאגט 'מוריד הטל', ביידע זענען אמת, ער האט עס נישט עוקר געווען.

**דומ"ץ דינוב:** אבער במחשבה האט ער געוואלט עוקר זיין.

**רבינו:** בקיצור אין די אחרונים איז דא א גאנצע שמועס וועגן דעם.[106]

**דומ"ץ טאשנאד:** ס'איז א פראבלעם מענטשן ווייסן נישט. נארמאל א בעל תפילה האט א טעות געט ער א פאררעכט און ער גייט ווייטער.

**רבינו:** מ'דארף אנהייבן נאכאמאל פון 'אתה גיבור'. און די זעלבע זאך ביי 'ברך עלינו' (כמבואר להדיא בשו"ע או"ח סי' קי"ד), דארט איז אויך דא דער זעלבער חילוק טאמער זאגט ער 'ותן ברכה' דעמאלטס קען ער צוזאגן 'ותן טל ומטר', אבער פארקערט נישט.

**דומ"ץ דינוב:** דער תהלה לדוד אויפן פלאץ אין סימן קי"ד (סק"ד), ער וויל יא זאגן אז ס'איז גענוג, ס'איז א שטארקע חידוש. ער גייט אריין אין א שמועס אין הלכות ברכות, ווען איינער הייבט אהן איין ברכה און ער ענדיגט 'בורא פרי הגפן' ער ברענגט א ראיה פון א תשובת הרשב"א (ח"א סי' לה) און אנדערע, ער וויל אויפטוהן אז וויבאלד במציאות תוך כדי דיבור איז עוקר,

---

אלא איסור גברא, והיות והחפץ אינו חתיכת איסור מצד עצמו, לכן בשוגג א"צ כפרה, דעכ"פ הגברא היה שוגג, רק באיסור תורה צריך כפרה, כיון דסוף כל סוף אכל חפצא דאיסורא, עיי"ש.

105. עיי"ש בענין טעה ואמר משיב הרוח ומוריד הגשם במקום מוריד הטל או איפכא, וכן בותן טל ומטר במקום ותן ברכה או איפכא, שתוכ"ד מהני רק בחורף כשחזר, אבל בקיץ ה"ז קללה, ואין עוזר תוכ"ד, ולכך חוזר לראש התפילה או ברך עלינו.

106. עיי' בדעת תורה למהרש"ם (או"ח סי' קי"ד בהג"ה) שהעיר מד' הרמב"ן (ברכות יב.) למי שאמר בקיץ מוריד הטל ותוך כדי דיבור תיקן בטעות ואמר מוריד הגשם, ומבאר דנחלקו הראשונים אי חזרה תוכ"ד לקלקל הוה חזרה או לא, דלהרמב"ן הוא ספק בגמ', ולהרשב"א (שם) א"א לקלקל תוכ"ד.

און אז מ'האט עוקר געווען האט מען די קללה אויך עוקר געווען, האסטו עוקר געווען די גאנצע זאך.

**רבינו:** די שאלה איז צי מ'קען א קללה אויך עוקר זיין, א דיבור קען מען עוקר זיין, אבער א קללה קען מען נישט עוקר זיין. משא"כ אז מ'הייבט אהן נאכאמאל האסטו עס בכלל נישט געזאגט.

די גמרא (ברכות מט.) זאגט אזוי לגבי 'מקדש ישראל והזמנים', ווען איינער האט א טעות און ער זאגט 'מקדש השבת' קען ער נישט זאגן נאכדעם 'ישראל והזמנים', נאר ער דארף צוריק גיין און זאגט נאכאמאל 'מקדש ישראל והזמנים', פארוואס? ווייל ס'זעהט נישט אויס ווי ער האט צוריק געצויגן.

**דומ"ץ טאשנאד:** איינער האט מיך געפרעגט דעם יו"ט, ווען שבת מיט יו"ט, ווען ער האט שוין געדאווענט ביי מנחה פרייטאג די שמונה עשרה פון שבת, עס איז געווען יו"ט פרייטאג, און ביי מנחה האט ער נאך געדארפט דאווענען א יו"ט'דיגע תפילה, און ער האט דערמאנט שבת אויך ביי שמונה עשרה.

**רבינו:** דאס הייסט ער האט דערמאנט יו"ט אויך, ער האט נאר צוגעלייגט אויך פון שבת.[107]

**דומ"ץ דינוב:** אבער ער איז משנה ממטבע שטבעו חכמים.

**דומ"ץ טאשנאד:** דער שולחן ערוך הרב (סי' תפ"ז) זאגט אז מ'דארף נישט איבער דאווענען, אויב ער האט דערמאנט יו"ט איז גוט, האט ער דערמאנט שבת אויך, ס'איז נישט געפערליך.

**רבינו:** ווען ער זאגט 'יעלה ויבוא' סתם א טאג, דארף ער אויך נישט איבער דאווענען.

**דומ"ץ טאשנאד:** בקיצור יעדן שבת ויו"ט אפילו אויב זאגט מען נאך זאכן דארף מען נישט איבער דאווענען, אויב ער האט אויך געזאגט וואס מ'האט געדארפט איז גוט.

**רבינו:** ביי המלך הקדוש איז א שאלה, טאמער האט ער געזאגט 'המלך הקדוש' שוין נאך עשרת ימי תשובה, דער באר היטב (סי' קי"ח) זאגט אז ער דארף נישט צוריק גיין.

**דומ"ץ דינוב:** יא, דער שערי תשובה (סי' קיח סק"א) רעדט אויך פון דעם, ער זאגט אויך אז ס'איז נישט קיין פראבלעם, אסאך מענטשן מאכן דעם טעות מוצאי יום כיפור, אבער ס'איז אביסל א חידוש, ווייל ער איז משנה ממטבע שטבעו חכמים.

דארט ביי 'הקל הקדוש' און 'המלך הקדוש' ווען מ'ציעט צוריק איז אויך דא א מדובר ביי תוך כדי דיבור צי מ'קען צוריק ציען.

**רבינו:** דארט שטייט יא אז מ'קען. ווייל דארט האט ער נישט געזאגט 'המלך הקדוש'.

**דומ"ץ טאשנאד:** פאר'ן נישט זאגן קען מען צוריק ציען, נישט פאר'ן יא זאגן עפעס אנדערש, דא האט ער געזאגט עפעס אנדערש וואס מ'טאר נישט זאגן.

אינטערסאנט, ס'איז אזא געפערליכע זאך אז מ'לויבט דעם אויבערשטן 'משיב הרוח ומוריד הגשם' שלא בעונתתה?

**רבינו:** אין די פלעצער וואו מ'האט מורא געהאט פאר רעגן איז עס געווען א עכטע קללה, און אז א איד זאגט 'מוריד הגשם' קען נאך קומען רעגן.

*

**דומ"ץ טאשנאד:** שביעי של פסח איז דער איינציגסטער יו"ט וואס מ'זאגט נישט שהחיינו נישט ביי ליכט צינדן און נישט ביי קידוש ווייל ס'יז א המשך פון די ערשטע טעג פסח, ס'איז נישטא נאך אזא יו"ט,ביידע טעג ראש השנה, יום כיפור, די ערשטע טעג סוכות, די לעצטע טעג סוכות, שבועות, אלעם האט א שהחיינו.

**רבינו:** איך האב געהאט אן אינטערסאנטע שאלה, פאר דריי יאר צוריק איז דאך געווען א שווערער זמן (בתקופת הקאוויד), און די רביצין איז געווען אין שפיטאל, און זי איז געווען באוואוסט–לאז ביז נאך די ערשטע טעג יו"ט, זי איז אהיים געקומען פון שפיטאל ערב שביעי של פסח, אבער זי איז נאך געווען זייער שוואך, יו"ט ביינאכט שביעי של פסח איז זי נאך געווען שוואך, יו"ט בייטאג האט זי זיך שוין ב"ה בעסער געשפירט, איז

---

107 הנה המחבר (סי' תפ"ז ס"א) פסק דאם אמר ביו"ט מקדש השבת לא יצא, אלא היכא דחזר בו תוכ"ד דאז יצא אחרי שהוא יודע שהוא יו"ט ע"ש.

וכתב המג"א (סק"ג) דכוונת המחבר הוא דהא דיצא הוא דוקא כשידע שהוא יו"ט, רק שטעה בדיבורו, אבל אם טעה וסבר שהוא שבת אף אם נזכר תוכ"ד לא יצא, אמנם רוב הפוסקים חולקים עליו וס"ל דאע"פ שלא ידע שהוא יו"ט יצא כיון שנזכר וחתם כדין, עיי"ש.

וכתב שם המג"א ומ"מ משמע כאן דאם לא נזכר וחם בשל שבת לא יצא, והיינו דוקא כשלא הזכיר של יו"ט באמצע, אבל אם הזכיר של יו"ט באמצע יצא, והביא ראי' לזה ממה שנפסק (סי' רס"ח ס"ד) דהתפלל תפילה של חול בשבת יצא אם הזכיר של שבת באמצע, וכש"כ כאן שחתם מקדש השבת דהא יו"ט גם מיקרי שבת, עכתו"ד.

זי אריין געקומען צו די סעודה, האב איך געזאגט אז זי דארף מאכן קידוש, זי האט דאך אבער נישט געקענט מאכן קידוש ווייל זי איז נאך געווען זייער שוואך, האב איך געזאגט עמיצער זאל מאכן קידוש און איר מוציא זיין, אבער וואס טוט זיך מיט א שהחיינו?, זי האט נאכנישט געמאכט קיין שהחיינו די ערשטע טעג יו"ט, ווערט די שאלה צי מ'קען איר מוציא זיין מיט שהחיינו.

בעצם, אויף קידוש אליינס איז אויך א גרויסע שאלה, ווייל קידוש פון נשים אום יו"ט איז דא א תשובות רבי עקיבא איגר וועגן דעם.[108]

**דומ"ץ טאשנאד:** לגבי פסח דעם ערשטע כוס?

**רבינו:** בכלל קידוש אום יו"ט.

דער מנחת חינוך זאגט, ער נעמט אהן אז נשים זענען יא מחויב מיט קידוש אום יו"ט,[109] אבער רבי עקיבא איגר נעמט נישט אזוי אהן. בקיצור, ס'איז א גרויסער מדובר צי נשים זענען מחויב מיט קידוש אום יו"ט.

**דומ"ץ טאשנאד:** שבת איז דא 'זכור ושמור', אבער יו"ט איז דאך א דרבנן.

**רבינו:** דער מנחת חינוך איז ביי הלכות קידוש, דארט זאגט ער אז נשים זענען יא מחויב אום יו"ט מיט קידוש פונקט ווי שבת, אבער רבי עקיבא איגר זאגט נישט אזוי.

און אין שו"ת עצי חיים (או"ח סי' ל"ז) איז אויך דא א תשובה אויף דעם, וועגן יו"ט, ער זאגט אז זיי זענען יא מחויב.

און דאס זעלבע לגבי שהחיינו איז געווארן דא אזא אינטערסאנטע שאלה, צי מ'קען מוציא זיין יענעם מיט א שהחיינו, און מ'האט מיך געפרעגט וואס צו טוהן?

בקיצור, ס'איז געווען דא אן אייניקל און ער האט געמאכט א ברכת שהחיינו אויף די באבע'ס אהיים קומען פון שפיטאל, ער האט געמאכט אויף איר א שהחיינו.

**דומ"ץ דינוב:** זי איז שוין נישט געווען אינדערהיים אפאר וואכן.

**רבינו:** נישט אפאר וואכן, ס'איז געווען אפאר טעג.

**דומ"ץ דינוב:** אבער ס'איז געווען שרעקעדיגע טעג.

**רבינו:** יא, זייער שרעקעדיג. אבער דער אייניקל האט איר שוין נישט געזעהן א שטיק צייט, זעקס וואכן צו וויפיל.

די גמרא זאגט דאך כל הרואה את חבירו לאחר שלשים יום מברך שהחיינו.[110]

**דומ"ץ טאשנאד:** מ'האט געמאכט 'שהחיינו' כפשוטו.

**רבינו:** איך האב אים געזאגט אז ער קען מאכן שהחיינו ביי קידוש, און אינזון האבן א שהחיינו אויף די באבע.

**רח"ש:** און ער האט איר מוציא געווען מיט דעם שהחיינו.

**רבינו:** יא. ס'איז דא א תשובות חתם סופר (או"ח סי' קמ"ג) וועגן דעם שהחיינו, ווען מ'האט געמאכט קידוש אין ביהמ"ד צי מ'קען מוציא זיין מיט שהחיינו.

ער רעדט לגבי קידוש וואס דער חזן אין שוהל האט געמאכט קידוש אום יום טוב, האט ער דאך יוצא געווען דעמאלטס קידוש, ער גייט אהיים און מאכט איבער קידוש און ער איז מוציא די בני בית, זאגט ער אז ער קען נישט מוציא זיין מיט שהחיינו, ער זאגט אז שהחיינו איז א ברכת הנהנין, במילא אז ס'איז א ברכת הנהנין קען מען נישט מוציא זיין, ווען ער מאכט נאר פאר יענעם.[111]

---

108 עיין שו"ת רע"א (סי' א ובהשמטות שם) דרוב נשי דידן מחמירות לעצמן וזהירות לקיים רוב מ"ע שהז"ג כגון קידוש ביו"ט והוה כקיבלו עלייהו, ועיין שאג"א (סי' סו) החולק ע"ד הרע"א שגם הנשים חייבות במצות שמחה ואסורות להתאבל, וכ"ה בארחות חיים (סי' קפ"ה ס"ק ג), ובספר בן איש חי (שנה שניה פר' בראשית סע יא), ועיין גם פתחי תשובה (סי' תקכט סע' ב) דפשיטא ליה דחייבות בקידוש ביו"ט, וכ"ה בשו"ע הרב (סי' רעא סע' ה').

109 עיי"ש (מצוה לא) שהאריך בזה, ובתו"ד מחלק שם וז"ל: "ולענין נשים ועבדים בקידוש י"ט אי נימא שהוא מן התורה אפשר שהוא שוה לשבת גם לענין נשים שחייבים אך אם נימא שהוא מדרבנן אפשר דאין נשי' חייבות כמו הבדלה לקצת שיטות הסוברי' שהוא מדרבנן ואין נשים חייבות", עיי"ש כל הביאור.

110 וז"ל הגמרא (ברכות נח:) אמר רבי יהושע בן לוי, כל הרואה את חבירו לאחר שלשים יום מברך שהחיינו, ואם ראהו לאחר שנים עשר חודשים, מברך מחיה המתים.

111 החת"ס (שם) יצא לדון בקושית השואל על המנהג דחזנא דמתא מברכים שהחיינו בקידושא ביום טוב בבית הכנסת, והוזרין ומברכין בביתם והוי כעין ברכה לבטלה דהכא לא שייך לאפוקי רק בני ביתם ידי חובתם דשהחיינו הוי ברכת הנהנין, וכיון שהוא כבר יצא בביהכנ"ס דאפילו אומרו בשוק יצא ידי חובתו, א"כ שוב אינו מוציא בני ביתו. והחת"ס שם כתב דגם בעיני יפלא זאת, אלא דרוצה ליישב המנהג שהשליח ציבור מכוין שלא לצאת בברכת שהחיינו שמברך בביהכ"נ, וע"ש ובפשטות מבואר דהסכים החת"ס עם השואל דברכת שהחיינו הוי ברכת הרשות, והלכך אם כבר יצא אינו יכול להוציא אחרים י"ח וכמבואר בגמ' ר"ה (דף כ"ט ע"א) וברש"י ד"ה חוץ מברכת הלחם ושאר ברכות שאינה חובה ובזה אין ערבות.

מ׳פרעגט אויפן חתם סופר, פארוואס איז עס נישט קיין ברכת המצוות. אבער דער חתם סופר זאגט אזוי.

דער ערלויער רב (הגאון רבי שמעון סופר ז״ל), דעם חתם סופר׳ס אייניקל דער התעוררות תשובה, פרעגט אויפן חתם סופר,[112] ער איז נישט צופרידן.

דער מהר״ם שיק (או״ח סי׳ פ״ט) לערנט אויך אפ די ברכת שהחיינו אלס א ברכה אויף די הנאה, נישט אויף די מצוה.[113] אזוי ווי דער חתם סופר זאגט אז די שהחיינו איז א ברכת הנהנין נישט קיין ברכת המצוות.

אין כסף משנה (פי״א מהל׳ ברכות ה״י) שטייט אבער בפירוש אז מ׳קען יא, ס׳איז א א חידוש פונעם חתם סופר, אבער דער כסף משנה זאגט אנדערש.[114]

**דומ״ץ טאשנאד:** וועגן דעם רבי עקיבא איגר צי נשים זענען מחויב מיט קידוש אום יו״ט, האב איך יעצט באגעגנט אן אינטערסאנטע שאלה, ביי איינעם וואס פסח ביינאכט ווען ער האט געזאגט ׳על הגפן׳ ביים סוף סדר נאכט האט ער נישט געזאגט ׳ושמחנו ביום חג המצות הזה׳, צי ער דארף איבער זאגן ׳על הגפן׳? לכאורה, מ׳זאגט קיינמאל נישט איבער, נאר דא קען זיין אנדערש ווייל מ׳דארף דאך טרונקען ד׳ כוסות, במילא איז עס אזוי ווי ביי סעודת שבת וואס די הזכרת היום איז מחייב.

**רבינו:** אבער מ׳קען אויך זאגן אז ניין, אז ס׳איז נישט מחמת היום, נאר מחמת די מצוה פון ד׳ כוסות, ביי די סעודה איז דאס א חובה של יום, לויט תוס׳.

**דומ״ץ טאשנאד:** איז איינער מאכט א חילוק נשים מיט אנשים, ווייל ביי אנשים וואס זיי זענען מחויב מיט יעדע כוס, מיט די כוס פון קידוש און אזוי ווייטער מיט יעדע כוס בפני עצמו, אבער ביי א אשה וואס זי איז נישט מחויב לויט דעם רבי עקיבא איגר מיט קידוש דעמאלטס איז עס טאקע נאר די ד׳ כוסות, מיט ד׳ כוסות איז זי טאקע מחויב, אבער ס׳איז נישט אלץ דער יו״ט. ביי א מאן איז עס יא אלץ דער חיוב מחמת יו״ט, ס׳איז א חיוב פון קידוש.

**דומ״ץ דינוב:** די זעלבע שאלה וועט זיין אויב איינער וועט זיך וואשן נאכאמאל, למשל אויב ער האט נישט געגעסן קיין אפיקומן, און ער וועט זיך וואשן נאכאמאל, און ער האט פארגעסן יעלה ויבוא ביים בענטשן צי ער דארף נאכאמאל בענטשן, דארט איז אויך דא די זעלבע שאלה, צי ס׳האט נאר מיט די מצוה, צי ס׳האט מיטן טאג.

**דומ״ץ טאשנאד:** ס׳איז דא נאך אן אינטערסאנטע שאלה, אויב איינער איז נישט מחויב מיט ברכת המזון.

**רבינו:** דאס איז אויב ער האט אויסגעבראכן דאס עסן.

**דומ״ץ טאשנאד:** אדער א חולה.

**דומ״ץ דינוב:** ס׳איז דא אזעלכע וואס סליוועט זיך... און זיי ברעכן אוים אפיציעל.

**רבינו:** בכלל, עס קומט פאהר אפט וועגן די וואס טרונקען ד׳ כוסות פון וויין, ס׳איז דא מענטשן וואס ברעכן פון וויין, פורים זעהט מען דאך זייער אסאך מענטשן ברעכן פון וויין, איז מילא פורים אז ער ברעכט האט ער געבראכן, אבער פסח איז אן ערנסטע שאלה, ער האט געגעסן די כזיתים און געטרונקען אפאר כוסות און נאכדעם ברעכט ער אלעם אוים, ער טרונקט דעם דריטן כוס און נאכדעם האט ער געבראכן, ווערט א

---

112 עיין בשו״ת התעוררות תשובה (ח״א סימן צ״ג) שהעיר ע״ד החת״ס דברכת שהחיינו על החג הוא חיוב גמור וחובת מצוה וכו׳ שזכינו לקיים בכל רגע מצוות עשה של שבתון ושלא לעבור על ל״ת, רק איתא בראשונים שהחכמים תקנו שהחיינו על אותן מצוות שיש בהם קצת שמחה ונתנו טעם בכולם עיי״ש, ובאמת הכי מבואר להדיא בגמ׳ עירובין (מ׳ ע״ב), וא״כ דברי החת״ס שכתב דהשהחיינו הוה ברכות הרשות צע״ג.

113 ועיין בהרבה אחרונים שמיישבין דבריו בהקדם מה דיש לחקור במהות הברכה של ברכת שהחיינו אם הוא בגדר ברכת הנהנין כלומר כמו ברואה פרי חדש שמברך שהחיינו שהוא בוודאי על הנאה ושמחת הגוף שיש לו מהדבר, כמו״כ במצוות הוא מברך על הנאה שיש לו הזכייה לקיים המצוה והברכה הוא על הנאה שבו, או דילמא שהוא מדין ברכת השבח על עצם הקיום מצווה והחייה אותו הקב״ה לקיים המצווה, והוא שבח והודאה גרידא. וביארו דזה הביאור בב׳ השיטות המובא בתוס׳ סוכה (דף מ״ו) אי מברכין זמן דווקא במצווה הבא מזמן לזמן, וזה שיטת רב שרירא גאון ושיטת התוס׳ שם דמצווה שיש עליו שמחה תקנו שהחיינו וע״ש, וי״ל דתלוי במש״כ דאי נימא דתקנת הברכה היתה כעין ברכת הנהנין והברכה על הנאה שיש לו מהמצווה, בוודאי י״ל דעיקר התקנה היתה על מצווה שיש בו שמחה שעי״ז יש לו הנאה ומברך, אבל אי נימא דתקנת הברכה של שהחיינו היתה מדין שבח והודאה, א״כ צריך להיות דווקא מצווה שהוא מזמן דשייך להודות שהוא הגיע לזמן הזה לקיים המצווה.

114 וז״ל: כתב הרמ״ך אבל אינו מברך שהחיינו אלא על המצוה שעושה נראה מדבריו שהמקדש בבית אחד להוציא הנשים אינו מברך שהחיינו. ומנהגנו לברך וכן ראוי לעשות דכיון דחובה היא לאשה לברך אותה ברכה מברך אות׳ בעבורה וחשבינן נמי שמברכת היא דשומע כעונה עכ״ל. ומ״ש וכן ראוי לעשות וכו׳ דבר פשוט הוא וגם רבינו יסבור כן.

שאלה צי ער דארף איבער עסן די אלע כזיתים, די מצה מיט די מרור.

**דומ"ץ דינוב:** בענטשן קען ער זיכער נישט.

**רבינו:** יא, אבער אויסער בענטשן, ער האט א שאלה צי ער האט מקיים געווען מצות אכילת מצה.

**דומ"ץ טאשנאד:** ס'איז א שאלה, וועגן בית הבליעה?

**רבינו:** אוודאי, אויב איך זאג אז ס'מוז זיין הנאת מעיו. דער כתב סופר אין א תשובה רעדט פון דעם (או"ח סי' ע"א).[115]

**דומ"ץ דינוב:** ווען איינער קען, הייסט מען איבער עסן נאך א כזית לכתחילה.

**רבינו:** אבער וואס טוט זיך ווען ער האלט שוין נאכ'ן בענטשן? ער טרונקט דעם דריטן כוס און ער ברעכט. דאס קומט זייער אפט פאר... וועגן דעם האב איך פריער געזאגט מ'טרונקט נישט קיין וויין.

**דומ"ץ דינוב:** היינט איז דא גרויסע כוסות.

**רבינו:** יא, און שטארקע וויין מאכט אסאך פראבלעמען.

**דומ"ץ טאשנאד:** אויב איינער האט אויסגעבראכן פאר'ן בענטשן, און ער דארף נישט בענטשן, וואס טוט ער מיטן דריטן כוס? ס'איז דא וואס זיי זאגן ער זאל עס לייגן ביי הלל הגדול.

**דומ"ץ דינוב:** דאס האט מיר איינער געפרעגט היי יאר, ער האט א סליוו, און ער עסט... כ'האב אים געזאגט קודם אז ער זאל עסן קליינע שיעורים, צעהן גראם (כפי שיעור שליש ביצה כשיטת הרמב"ם עי' בהגדה דברי יואל), די קלענסטע שיעור וואס ס'איז דא, אבער ער האט מיר געזאגט, איך גיי עס צום סוף אויסברעכן, זאל איך נישט מאכן א דריטע כוס? וואו זאל איך לייגן א דריטע כוס. כ'האב אים נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

**דומ"ץ טאשנאד:** א כוס קען ער אויך מאכן דעם קלענסטן שיעור.

**רבינו:** א קליינער כוס פון דריי אונסעס, דאס איז אויך א קליינער שיעור (עי' במחזור דברי יואל לפסח עמוד קס"ז אות קע"ח).

**דומ"ץ דינוב:** יא, אבער וואו זאל איך לייגן דעם דריטן כוס, איך גיי דאך נישט קענען בענטשן, וואו לייגט ער עס?

**דומ"ץ טאשנאד:** אויף שבע ברכות איז דא א שאלה, אז ס'איז דא א שבע ברכות.[116]

**רבינו:** מ'האט מיך שוין געפרעגט וועגן שבע ברכות, כ'האב געזאגט א פשוט'ן בייפאל, איינער בענטשט אויפן כוס, און א צווייטער זאל זאגן די שבע ברכות, אז ס'איז דא מנין.

**דומ"ץ טאשנאד:** און יענער דארף נישט בענטשן ברכת המזון על הכוס?

**רבינו:** ניין, מענטשן מאכן נישט ברכת המזון על הכוס.

**דומ"ץ טאשנאד:** איך רעד פסח, פסח מאכט נישט יעדער איד ברכת המזון על הכוס?

**רבינו:** ניין, פסח אויך נישט, ווער האלט דעם בעכער ביי ברכת המזון פסח? נאר דער וואס מברך דער ראש המסובין, דער האלט דעם כוס.

איינער וועט זאגן ברהמ"ז על הכוס שלישי, און איינער וואס זאגן די שבע ברכות על כוס שלישי. און דער וואס זאגט שבע ברכות איז זיין כוס שלישי דער כוס פון שבע ברכות.

**דומ"ץ טאשנאד:** עס איז דא וואס זאגן אז מ'זאל אנגיסן איין גרויסן כוס, און מ'זאל עס שפעטער צוטיילן אין צוויי,[117] אדער פארקערט, מ'זאל אנגיסן צוויי כוסות און נאכדעם אריין גיסן אין איין גרויסן כוס.

**רבינו:** די עצה איז בעסער, עס האט נישט קיין שייכות די צוויי זאכן. נאר דער מברך ער בענטשט אויפן כוס.

**דומ"ץ טאשנאד:** נאר דער בעה"ב וואס בענטשט.

**רבינו:** אז נישט ער איז א צווייטער, אבער נאר איינער בענטשט, דער מברך ער בענטשט אויף א כוס.

---

**115** וז"ל שם בתוך התשובה (בשו"ת כתב סופר או"ח סימן עא): ובתשובה א' העליתי דמצות אכילת שויו"ט דוקא הנא' מעיו, כדרך רוב האוכלים ואין מתענגים ושמחים באכילת גרון לחוד כעין בהמ"ז דכתיב ואכלת ושבעת דבעי אכילת מעיו דוקא, וכ"ש הוא דלא מקרי תענוג ושמחה רק כשאוכל למעיו, לפ"ז כשאוכל פת האסור לא הוי בעידנא דאסורא קעביד בעוד שלא נכנס למעיו, ומצות דשבת ויו"ט ליכא עד שנכנס למעיו, כנ"ל.

ועי' בתשו' חת"ס סימן קכ"ז, בתו"ד דמשמע דבכל המצוות בעינן הנאת מעיו, עי"ש. ועי' בשו"ת כת"ס גם בסימן צ"ו עוד כמה יסודות בזה.

**116** עי' פתח"ת (אבן העזר סי' ס"ב סקי"ח) ועי' בשו"ת חיים שאל (ח"א סי' ע"ד) ובשו"ת יוסף אומץ (סי' מ"ז) שהאריך בזה ומה שהביא מדברי היעב"ץ.

**117** כן מסופר על הרה"ק רבי מאיר'ל מפרעמישלאן ז"ל שבליל התקדש חג היה באמצע ימי ז' ברכות של א' מבניו הק', והוא עשה עצה זו.

**דומ"ץ טאשנאד:** און אלע אנדערע טרונקען א דריטע כוס. במילא מוז עס נישט זיין ביי ברכת המזון.

**דומ"ץ דינוב:** דער רבי רעדט לגבי די שאלה פון שבע ברכות.

**דומ"ץ טאשנאד:** יא, אבער דער רבי טענה'ט אז נאר דער מברך בענטשט אויפן כוס.

**רבינו:** יא, און דער צווייטער זאגט אויף זיין כוס די שבע ברכות.[118]

כ'וועל זאגן, געוועינטליך מאכט מען נישט חתונה אזוי שפעט נאנט צו פסח אז ס'זאל ווערן אזא שאלה, אמאל אמאל מאכט'זיך.

אבער אין די היסטאריע אז מ'קוקט צוריק, רבי אלעזר לאנצהוט'ער (הגה"ק בעמח"ס יודעי בינה בנו של הגה"ק בעל בני יששכר ז"ל) האט אזוי חתונה געהאט, ער האט געהאט שבע ברכות בליל הסדר, דער בני יששכר האט געזאגט שבע ברכות ביים סדר.[119]

**דומ"ץ טאשנאד:** בקיצור ס'איז שוין געווען די שאלה. און בכלל, מ'האלט דאך נישט דעם כוס ביי הלל.

**רבינו:** ביים בענטשן האלט מען אויך נישט דעם כוס, נאר דער מברך.

**דומ"ץ טאשנאד:** יא, דאס זאג איך אז דער כוס האט נישט מיט ברכת המזון, דער כוס גייט ארויף הלל אפילו מ'האלט עס נישט? עס האט דאך א שייכות.

**רבינו:** עס שטייט נישט מ'זאל האלטן דעם כוס.

**דומ"ץ טאשנאד:** ניין, ביי הלל האלט מען טאקע נישט, ביי די הגדה האלט מען אויך נישט, חוץ פון געוויסע שטיקלעך.

**רבינו:** ביי 'אשר גאלנו'.

**דומ"ץ טאשנאד:** און ביי 'והיא שעמדה'.

**רבינו:** אבער מ'רעדט פון א ברכה, 'אשר גאלנו' איז א ברכה.

**דומ"ץ דינוב:** באמת ביי די כוסות שטייט אלץ אז ס'איז אלעם אינצווישן, אז מ'קוקט אין די פריער'דיגע ראשונים שטייט נישט אין ערגעץ מ'זאל האלטן דעם כוס, עס מוז זיין אז צווישן ערשטן כוס און צווייטן כוס זאל זיין די הגדה, צווישן צווייטן כוס און דעם דריטן כוס זאל זיין מצה.

**רבינו:** ס'איז נאר פאר א סדר.

אז איינער וועט נישט נעמען דעם כוס ביי 'אשר גאלנו' וועט ער אויך יוצא זיין.

**דומ"ץ דינוב:** און אז איינער וועט נישט נעמען דעם כוס ביי קידוש, די נשים וואס זיי מאכן פסח קידוש אויב זיי נעמען נישט דעם כוס אין די האנט נאר זיי האלטן דעם כוס אויפן טיש פאר זיך, האבן זיי דען נישט יוצא געווען ווייל זיי האבן עס נישט געהאלטן?

**רבינו:** מ'איז דאך יוצא אפילו ווען ס'איז דא נאר א פלאש אויפן טיש, איז מען שוין יוצא קידוש על היין. אזוי זאגט דער טורי זהב (סו"ס רע"א).[120]

**דומ"ץ דינוב:** פאריגע וואך האט א יונגערמאן גערופן מוצאי שבת, ער האט געמאכט הבדלה און ווען ער האט אויסגעטרונקען דאס גלעזל האט ער געזעהן אז די גאנצע זאך איז געווען וואסער און נאר א קליין משהו גרעיפ דזשוס איז דארט געווען דערין, און ער האט געהאט אויפן טיש א פלאש גרעיפ דזשוס, האב איך געזאגט ער זאל נעמען און טרונקען א שיעור פונעם פלאש גרעיפ דזשוס, דארט איז געווען א ספק וויפיל וואסער ס'איז געווען דארט, א ספק הבדלה, אבער ס'איז דאך גענוג אז ס'ליגט אויפן טיש.

**דומ"ץ טאשנאד:** אין יענעם טורי זהב איז דא נאך אן אינטערסאנטע זאך, אז שבת ווען איינער האט געמאכט קידוש און ס'האט זיך אויסגעגאסן דער כוס, זאל ער אנגיסן א נייעם כוס און מאכן בורא פרי הגפן און טרונקען.

**רבינו:** יא, ווייל ער האט נישט אינזין געהאט אויף דעם כוס.

---

118 כדברי רבינו שליט"א שאחד מברך ברהמ"ז, והשני מברך הש"ב על כוס שלו, כן הוא בפירוש בד"מ, (סי' תע"ג סק"ה) וכבר העיר בזה הפתח"ת על כל הפוסקים שהאריכו בזה דהאיך אשתמיט מינייהו דברי הדרכי משה המפורשים עיי"ש.

119 עיי' בס' בית שלמה – מונקאטש (מאמר ראש צורים אות ב') שהרה"ק רבי אלעזר מלאנצהוט התחתן סמוך לימי החג פסח, מחמת סיבה מיוחדת, והבני יששכר בירך הז' ברכות על כוס שלישי בהתלהבות נורא, עד אשר כפף עצמו, והכוס אשר בידו נכנס והגיע תחת השולחן הטהור אשר לפניו, עיי"ש.

120 כ"כ הטו"ז (סו"ס רע"ב) דקידש על הכוס וסבר שהוא יין ונמצא שהי' מים, דכ' דאם הי' לפניו יין בשעת קידוש על השלחן מוכן לשתות, הוי כאילו קידש על יין ההוא, ואמרינן כולהו נבגי דברכתא נינהו, וישתה מיד מן המוכן לפניו, וכ"פ בשו"ע הרב (שם בסעי' כ"ח), וכן המשנ"ב (סקע"ח) ועי"ש בשעה"צ (סקפ"ו).

**דומ״ץ טאשנאד:** נאר בורא פרי הגפן דארף ער איבער מאכן.

אבער באמת, פארוואס דארף ער טרונקען?

**רבינו:** ווייל ער האט געזאגט קידוש אויף צו טרונקען, ער האט אריין געלייגט דעם כוס פון קידוש צו טרונקען.

**דומ״ץ טאשנאד:** אהא, זאג איך אז מ׳האט נישט געטרונקען דעם כוס פון קידוש, אבער יעצט זאל ער טרונקען א כוס וויין.

**דומ״ץ דינוב:** דער חידוש איז אז ביי הבדלה זאגט עס נישט דער טו״ז, נאר ביי קידוש, ס׳איז א אינטערסאנטע זאך.

**דומ״ץ טאשנאד:** ביי ד׳ כוסות פארשטייט מען, אבער ביי קידוש?

**רבינו:** דער מגן אברהם (ס״ק ל״ב) זאגט עס אויך דארט.

**דומ״ץ טאשנאד:** דער טורי זהב אין אנהייב טענה׳ט זיך מיטן תרומת הדשן, אבער צום סוף קומען זיי אהן צו די זעלבע זאך.

**רבינו:** דער מגן אברהם זאגט דאס אז מ׳דארף מאכן א נייע ברכה, טאמער האט ער נישט געקלערט צו טרונקען אינמיטן די סעודה, אבער טאמער האט ער אינזין געהאט צו טרונקען אויך אינמיטן די סעודה, דעמאלטס דארף ער נישט מאכן א נייע ברכה.[121]

**דומ״ץ דינוב:** דער חידוש איז פארוואס ער דארף טרונקען נאך א גלעזל.

**דומ״ץ טאשנאד:** ווען דארף דאס צו זיין, לאמיר זאגן אז ער האט שוין אנגעהויבן די סעודה, דארף עס זיין פאר די פיש, נאך די פיש, ווען דארף זיין דער כוס?

**רבינו:** דער ערשטער זמן וואס ער קען, מ׳זעהט אז מ׳דארף טועם זיין, ס׳איז א גאנצער עסק.

**דומ״ץ טאשנאד:** יא, פונעם כוס פון קידוש, אבער דער כוס איז נישטא מער, דארף ער אנגיסן א כוס וואס איז נישט קיין כוס של קידוש.

**רבינו:** ס׳איז במקום כוס של קידוש.

**דומ״ץ טאשנאד:** דארף עס צו זיין פאר די סעודה, אהן קיין הפסק, מ׳טאר נישט אויסרעדן?

121 ע״ש בדבריו בסוף סקל״ב וז״ל: כתוב בפסקי מהרא״י אם קידש על מים וסבר שהוא יין יחזור ויקדש אף על גב דקידוש על היין דרבנן גם במילי דרבנן צריך לחזור עכ״ל ואם היה דעתו לשתות יין יותר א״צ לברך שנית בפה״ג כמ״ש סוף סי׳ ר״ט וה״ה בנשפך הכוס כמ״ש סוף סי׳ ר״ו, וכו׳.

די ברכה איז דאך שוין נישטא מער, ווייל ער האט שוין אויסגערעדט. ער דארף מאכן א נייע ברכה, אבער ער טאר נישט אויסרעדן ווייל ס׳דארף זיין איין לאנגער המשך מיט קידוש?

וועגן דעם האב איך געפרעגט, דאס פארשטיי איך נישט, וואס טרינקט ער?, ער דארף טרונקען דעם כוס של קידוש, אבער וואס איז יעצט?

און נאך א זאך האב איך געזעהן אז ׳ויכולו׳, אויב האט ער נישט געזאגט ׳ויכולו׳ ביים דאווענען, דארף ער אנגיסן א כוס און זאגן ׳ויכולו׳, נאר ׳ויכולו׳ אליינס דארף א כוס, דאס שטייט אויך אין משנה ברורה אז ויכולו דארף א כוס (כ״כ בס׳ מטה משה סי׳ תכ״ט).

**רבינו:** ווער עס האט פארגעסן צו זאגן, מ׳דארף דאך זאגן דריי מאל.[122]

**רח״ש:** דער רבי זאגט אלעמאל, נאר ביי אידן מאכט זיך די אלע שאלות....

**דומ״ץ דינוב:** דער רבי האט דערציילט פריער וועגן די רביצין, די שאלה פון די ברכת שהחיינו, ס׳איז געווען דא אזא שאלה, פאריאר איז עס געווען, א איד וואס מ׳האט זיך נישט גוט געשפירט ביי אים אין שטוב, און זי איז געווען אזוי... אפשר נישט ממש ׳עיתים שוטה׳, אבער זי איז געווען האלב פארשלאפן, און ווען עס איז געקומען צום עסן די מצה, האט זי געגעסן די מצה, אבער ווען זי האט געגעסן די מצה איז זי נישט געווען געהעריג דאהי, זי איז געווען זייער אפגעשוואכט, איר מח איז נישט דא געווען.

**רבינו:** איז די שאלה וואס פאר א דין זי האט, צי זי האט א דין שוטה?

**דומ״ץ דינוב:** יא, שפעטער פאר׳ן אפיקומן האט זי זיך אויפגעוועקט, איז די שאלה צי זי דארף מאכן א נייע ׳על אכילת מצה׳ צי נישט, צי זי האט יוצא געווען? ווייל

122 עיין ברוקח (סי׳ מ״ט) שמסיק רבא במדרש ויכולו ג׳ פעמים חייב לומר, אחד בתפילה, ואחד לאחר התפילה ואחד על הכוס, ע״כ.

ועי׳ במשנה ברורה (סי׳ רע״א סקמ״ה) וכתבו האחרונים דאם שכח לומר ויכלו בשעת קידוש אומרו באמצע סעודה על הכוס

כתב ה׳כל בו׳ (דף לז) בויכולו כתיב ג׳ זימנין ׳אשר׳, וכן בפסוק ראשון שבפרשת פרה אדומה כתוב ג׳ פעמים ׳אשר׳, לומר ששניהם שקולים כאחד, דכשם שפרה מכפרת כך שבת מכפר. וזהו דאמרינן אם ישמרו ישראל שבת אחת מיד נגאלין, וההגהות מיימוני (הל׳ תפלה פ״ט אות ד, הל׳ שבת פכ״ט אות ט׳) ג״כ מביא כנ״ל בשם מדרש שוחר טוב.

למעשה האט זי דאך געגעסן, כפאוהו ואכלה האט זי דאך יוצא געווען, איז אפילו ווען זי איז נישט געווען דאהי האט זי למעשה יוצא געווען, אבער א ברכה קען זי נישט מאכן, זי קען נישט מאכן 'על אכילת מצה', אבער מילא כרסו ואח"כ מברך שטימט דאך נישט,[123] אבער מצוות צריכות כוונה, ס'איז נישט געווען קיין כוונה, דארף זי אפשר מאכן א נייע ברכה פארן אפיקומן.

**רבינו:** מצות צריכות כוונה?, ביי מצה דארף מען נישט קיין כוונה בדיעבד, אפילו ביי א דאורייתא, ווייל ער איז נהנה.

**דומ"ץ דינוב:** די שאלה איז צי דא איז אויך אזוי, ווייל זי איז בכלל נישטא.

**רבינו:** דאס איז שוין א צווייטע שאלה, דאס איז נשתטה.

**דומ"ץ דינוב:** ווען כ'האב געזוכט וועגן דעם האב איך געטראפן אין איינע פון די גליונות, האט ער א שאלה אזוי, ער האט געהאט א גאסט א איד וואס איז סר מן הדרך ל"ע, ער איז געווען ביי אים ביים סדר, און ער האט אפגעראכטן דעם סדר, ער האט געגעסן דעם ערשטן כזית, און ערגעץ נאך די מרור איז געווארן א שמועס אויף אידישקייט, און ער האט זיך דערמאנט אין זיינע יוגנט יארן, ער האט זיך זייער צוואויינט, ער האט מחליט געווען אז ער וויל תשובה טוהן, ער האט געבעטן מ'זאל אים ברענגען א קאפל, און ווען ס'איז געקומען יעצט צו עסן די מצה ביים אפיקומן ווערט א שאלה צי ער דארף מאכן א ברכה צי נישט, ווייל די ערשטע מצה האט ער דאך נישט געגעסן בדעה צו יוצא זיין א מצוה.

**רבינו:** אבער ער איז נהנה אפילו אזוי אויך.

**דומ"ץ דינוב:** ער האט אבער נישט געהאלטן ביים גארנישט טוהן, ער האט געגעסן ווי מ'עסט קרעקע"ר'ס...

**רבינו:** אז ער האט געגעסן האט ער געגעסן. דאס הייסט אכל מצה בלא כוונה האט ער יוצא געווען.

**דומ"ץ דינוב:** דאס הייסט עכטע מצה בלא כוונה, ביי כפאוהו פרסיים איז דאך אויך אזוי, ער האט דאך נישט געוואלט.

**רבינו:** דער ר"ן זאגט אז ווייל אז מ'עסט איז די הנאה במקום הכוונה.[124]

**דומ"ץ טאשנאד:** אזוי ווי ביי אן עבירה, שכן נהנה.

**רבינו:** יא, המתעסק בחלבים ועריות חייב שכן נהנה (כריתות יט:) ווייל למעשה האט ער הנאה, מאכט עס די כוונה.[125]

**דומ"ץ דינוב:** אבער ביי די פרוי איז די שאלה ווייל זי איז נישט געווען דאהי, ס'איז א אמת'ע שאלה, ס'איז א מעשה שהיה.

**דומ"ץ טאשנאד:** איך האב געהאט א ענליכע אינטערסאנטע שאלה, א פרוי נעבעך וואס איר קינד איז אראפ פון וועג ל"ע, ער וויל אבער מאכן קידוש, ס'קומט שבת ביי די סעודה און ער וויל מאכן קידוש, זי קען נישט יוצא זיין פון אים, ער היט נישט קיין שבת, זי פרעגט וואס דארף זי יעצט טוהן, זי וויל אים נישט ווי טוהן אז ער זאל אוועק לויפן, זי וויל אים לאזן מאכן קידוש, וואס זאל זי יעצט טוהן? ער מאכט קידוש פאר איר. האב איך איר געזאגט, ער זאל מאכן קידוש אויף יין מבושל, און זי זאל מיטזאגן שטילערהייט, זי זאל זאגן קידוש, ס'איז דאך דא וויין אויפן טיש, זי מוז דאך נישט האלטן אין די הענט, בדיעבד על כל פנים.

**רבינו:** יא, די וויין קען דאך אפילו ליגן אינעם פלאש, אזוי ווי דער טורי זהב (סי' רע"ב הנ"ל) זאגט.

**ונפרד רבינו מהם בברכת שמחת יו"ט**

---

123 מילא כריסו ומברך 'אצל מצה', הוא דברי הרא"ש כשחולק על שיטת רש"י (פסחים קיט: ד"ה אין) שצריך לאכול מצה בגמר הסעודה זכר למצה הנאכלת עם הפסח, וזו היא מצה הבצועה שאנו אוכלין באחרונה לשם חובת אותה מצה שלאחר אכילה' עכ"ל, וכ' הרא"ש (פסחים פ"י סי' לד) ולפי זה היה נראה שצריך לאכול עמה מרור וחרוסת כיון שהיא זכר מצה הנאכלת עם הפסח בכריכה, ועליהן היה ראוי לברך על אכילת מצה "אלא שכבר מילא כריסו ממנה",

124 עיין בד' הר"ן (שם בר"ה) שמבאר שנהנה עושה כמתכוין לצאת ידי המצוה, כדאמרי' בגמ' בחלבים ועריות שכן נהנה. - ובביאור סברת הר"ן עיין בשו"ת כתב סופר (או"ח סי' ק"ז אות ב'), שו"ת בית הלוי (ח"ג סי' נ"א אות ב'), כלי חמדה (פרשת כי תצא עמ' ר"כ אות ג').

125 ועי' רש"י שם (מס' כריתות יט:) מתעסק בחלבים: - כגון חלב ושומן לפניו ונודע שזה חלב וזה שומן, ונתכוון לאכול שומן והביט למקום אחר והלכה ידו אל החלב ואכלו. אי נמי חלב וחלב לפניו וסבור שהוא שומן, ונתכוין לאכול חתיכה זו ואכל את זו, ולא דמי לשוגג, דשוגג היינו שנתכוין לחתיכה זו עצמה אבל סבור שהוא שומן.